729 74286 87 92 324342 75 521 59 715
64 930 57 75117 20 235 37 303 91 563
611 30 58 96 701 76014 38 48 222 27
308 92 400 28 85 5[illegible] 601 62 719 78
83 815 70 913 63 77034 216 393 509
55 783 87 831 927 78048 146 54 98
328 409 38 80 89 53 502 65 683 711
893 954 79005 16 64 71 299 528 54 82
793 818 5583 906 44 80004 247 80 325
30 405 530 677 795 927 81093 105 17
26 229 430 38 636 61 78 722 841 59
905 17 48 82026 47 213 558 85 91 783
89 836 983 83113 85 212 496 559 79
92 655 84 712 845 69 904 51 84105 30
38 47 206 21 49 61 320 53 441 49 61
572624 57 712 57 932 38 50 85066 264
411 562 725 58 72 88 86026 103 31
208 310 503 39 75 607 96 851 73 87051
75 136 215 67 85 366 88 411 593 602
22 761 890 950 88146 55 89 235 696
751 89020 236 52 345 550 86 88 654
42 48
90098 102 694 709 33 51 79 89 936
91257 88 318 37 447 90 641 59 961
92084 232 349 422 38 538 52 88 602
16 30 61 755 866 902 93104 70 242 61
304 55 471 81 85 655 778 86 804 32
53 968 94015 28 30 57 82 142 90 391
467 600 46 83 93 754 879 913 20 95134
224 355 62 93 421 550 713 32 849 954
96020 84 124 235 444 574 699 711 22
40 891 928 97056 99 142 45 210 23
413 38 68 513 75 97 606 731 840 922
68043 68 303 83 418 556 66 864 76 80
912 23 44 99085 157 209 89 327 29 35
68 430 518 60 682 98 797 815 20 41
76 900 66 100052 70 133 210 359 478
563 647 721 22 64 76 93 814 29 101003
77 129 35 36 296 371 417 18 53 63
629 42 88 759 854 83 941 102044 296
407 36 37 562 671 103040 47 100 12
27 224 85 361 63 403 501 2 35 51 62
83 730 43 835 954 67 104010 138 330
543 55 56 609 70 705 51 95 105001 70
269 333 65 434 571 655 72 931 106041
43 79 83 163 67 83 207 354 71 83 444
564 620 77 706 28 832 81 107043 45
93 265 334 37 49 529 706 24 810 29
30 70 910 25 34 108077 104 221 313
91 606 10 58 96 99 788 869 82 109008
42 57 117 33 37 361 481 759 938 44
85 92 110027 82 139 90 229 37 338
411 33 36 635 759 99 836 956 111053
71 105 92 249 80 330 42 52 431 87
612 861 81 964 84 112140 237 310 11
55 401 536 80 93 96 606 22 40 45 720
32 808 113024 66 76 82 132 76 82 202
8 59 318 56 463 75 80 521 79 863 915
26 71 98 114038 187 258 60 326 38
406 48 63 826 50 115010 157 256 314
415 25 51 58 517 42 691 868 78 908
273 97 619 885 914 25 82 96 117006
40 132 68 320 72 75 436 623 75 867
931 118032 120 41 259 94 97 303 82
87 471 85 87 674 839 57 99 912 119094
241 395 482 84 96 645 98 759 94 921 59
120129 32 48 53 96 207 53 94 403
73 688 804 8 922 34 75 90 121017 64
82 88 93 95 186 439 599 602 40 715
56 919 34 99 122065 129 50 99 271 97
438 559 610 14 750 815 910 123048
169 428 48 53 509 35 58 71 90 601 17
24 96 719 800 12 42 124034 130 375
99 425 87 96 507 63 92 97 620 56 827
911 125146 52 64 65 261 338 67 412
82 93 516 50 682 708 916 126028 57
76 125 232 382 409 34 39 41 51 98
548 64 700 17 19 56 65 86 829 127103
5 28 63 81 214 92 355 87 462 82 515
88 778 872 96 128026 176 99 299 307
012 623 702 30 801 85 129026 34 93
104 42 289 404 581 633 81 758 76 820
42 90 909 83 99 130017 19 42 221 83
86 333 34 90 425 57 507 19 636 60
736 990 131041 170 98 230 61 69 315
51 467 75 511 24 61 623 80 711 85
809 60 64 944 70 80 132048 67 180
228 78 358 403 33 530 629 61 733 868
90 133140 239 491 590 637 85 725 42
80 823 906 73 134118 85 202 35 322
439 597 640 90 96 790 831 41 67 96
986 135080 95 131 72 216 49 95 324
54 66 442 761 848 88 924 56 62 88
136021 64 219 583 87 92 602 713 826
52 964 84 137109 278 307 24 61 39
413 69 550 91 682 739 78 837 947 83
138011 143 93 205 12 23 361 84 89
459 78 548 649 69 78 776 830 82
139268 348 56 57 415 621 93 700 13
16 75 872 920 78 140092 128 29 216
60 79 88 328 447 88 99 511 23 92 657
93 819 35 83 923 79 141176 365 421
26 53 71 660 358 816 80 142007 79
224 93 307 419 36 501 40 606 71 84
742 94 99 836 98 960 143042 46 82 86
306 11 64 427 42 515 78 693 789 825
79 83 144161 252 90 99 394 425 89
559 85 693 703 56 988 145310 437
693 146117 57 88 99 216 461 562 641
46 83 93 834 53 54 908 63 70 72
147040 174 379 490 500 71 691 784
148121 209 72 303 94 439 68 622 81
848 901 5 22 149003 20 48 79 90 169
317 89 476 559 738 882 89 911
150118 73 77 257 412 15 614 30 73
707 59 840 56 74 75 88 927 63 151052
61 86 106 8 201 56 66 303 414 617 28
30 71 722 832 55 949 152222 576 624
67 869 90 902 34 153068 142 55 213
84 376 451 556 604 42 764 88 910 98
154060 130 35 51 860284 90 330 549
52 780 92 805 61 155088 92 98 191
297 314 25 32 87 537 674 726 71 98
842 919 69 156080 87 142 94 517 38
74 617 29 78 708 29 83 909 45 157072
78 84 160 420 32 38 708 30 800 12 38
978 158028 93 103 29 319 71 73 77
453 536 60 678 701 52 54 159032 117
37 73 423 92 515 78 653 40 778 83
841 49 88 955

די „צוויי וועגן"

מיר מוזען, הפנים, זיך נעמען אויפס־ניי, און מיט נייעם ערנסט, צו דער אלטער מלאכה. נאכאמאל אוועקזעצען זיך לערנען — יודישע רעכט, די עלעמענטען פון גערעכטיגקייט און געזעץ, דעם אלף־בית פון דער יודען־פראגע.

עס האט זיך מיט א פאר יאהר צוריק אויסגעדוכט, אז די יודען־פראגע איז שוין ניט מעהר פאליטיק, נאר בלויז געשיכטע. איך געדענק, ווי עס איז געזעסען

אין דייטשלאנד וועט זיין איין איינציגע קיום פון דערנידערונג און בעליידיגונג. שוין איצט קאנען קינדער — יודישע קינדער — ניט לערנען אין דייטשע שולען. אזוי אנגעזאפט איז דארט די אטמאספערע פון אנטיסעמיטיזם. שוין איצט שטערט מען דעם יודען אויף אלע געביטען. מען לאזט איהם ניט לערנען, ניט ארבייטען, ניט האנדלען, גאר ניט. און וואס וועט זיין, ווען דער בארי…

רעכט".

נאטירליך, מיט אזא פרימיטיווען, בארבארישען מענשען, ווי אלעקסאנדער דעם דריטען — א קאפ פון א פליי אויף דעם גוף פון א העלפאנט — האט מען אנדערש ניט געקאנט ארגומענטירען. אבער אפילו זיין פערדרישער מה האט תופס געווען, אז עס זענען נישטא מעהר ווי צוויי וועגן — אדער פערניכטונג, אדער גלייכבערעכטיגונג. א דריטער וועג

פון ד"ר א. קאראוניק

האט געהאט אז א זין! אז א סיסטעם. נעי ווען די שנאה צו יודען, ווי צו א דעלי גיעזער גרופע, ווי צו א נאציאנאלען פרעמד־קערפער, ווי צו א רעוואלוציאנער רען, אגיטאטארען, ווייל ניט איינגעאר דענטען עלעמענט. דאס מען פערלאנגט: אסימילירט זיך, ווערט ווי מיר. אזוי איז די שיטה פון די „קאטוילישע מלכים" אין שפאניען, אזוי דער סיסטעם פון פאבעדאנאסצעוו אין רוסלאנד.

פון שבת צו שבת

— פון — ר. ז.

בעטראכטונגען און אויס־משונגען פון דער סדרה

עלטערע מפרשים געוואלט צו ברענגען א סבעציעלען קרבן פאר די זינד פון „עגל הזהב", וואס אהרן איז, כידוע, אויפ'ן שטורמישען פערלאנג פון די בני ישראל געצוואונגען געווען צו שאפען פון זייער צוזהרונג, ווי מיר געפינען עס אויספיהרליך געשילדערט אין פרשה „כי תשא".

קרבן". אז עס איז מאקע געווען אזא תקנה, דרינגען מיר פון דערמאנטען פסוק אין סדרה צו, וועלכער בעלעהרט אונז, אז ביים אהל מועד זענען געווען אנגע־פיהרט בעפולמעכטיגטע כהנים און זייער פולמאכט האט געהאט די קראפט אין

זאל פילהארמאניע טעל. 213-84

4 פארטעפיאן־רעציטאלען 4

מיט'ן אנטייל פון די פרעמירטע

לאורעאטען

פון 2־טען אינטערנאציאנאלען קאנקורס אויפ'ן נאמען פר. שאפין

דינסטאג, 5. אפריל

טעאדאר גוטמאן, ז. ס. ר. ר. VIII אויסצייכנונג
עם נועל גראסמאן, ז. ס. ר. ר. XI אויסצייכנונג

מיטוואך, 6. אפריל

אברהם לופער, ז. ס. ר. ר. IV אויסצייכנונג
לעאניד סאגאלאוו, ז. ס. ר. ר. VI אויסצייכנונג

דאנערשטאג, 7. אפריל

לילי הערץ, אונגארן פריז פון ווארשאווער פובליקום
יוליאן קאראלי, אונגארן IX אויסצייכנונג
קורט ענגעל, עס רייך אויסצייכנ. פון ה' מארקעוויטש

מיטוואך, 13. אפריל

אימרע אונגאר, אונגארן I־טע אויסצייכנונג
זוזאננא דע מאיער, בעלגיע אויסצייכנונג פון ווארשאווער פובליקום

ארגאניזירט קאנצערט־דיר. אלפרעד שטרויך און ה. מארקעוויטש

בילעטען אויף אלע אויפגעפירטע קאנצערטען

לאדזער טאגעבלאט

„Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skz. poczt. 16

טעלעפאנען: רעדאקציע 100-57, אדמיניסטראציע 100-47

דער רעדאקטאר נעמט־אן פון 6 ביז 7 אין אווענד

נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

די פאליטיק פון דער וואך

אנהויב פון א סדרה קאנפערענצן.—די טארדיע־מאקדאנאלד קאנפערענץ און די קאנפערענץ פון די 4 גרויסמאכטען.—איז וואס בעשטעהט טארדיע'ס פלאן וועגען די דונאי־מלוכות.

די אייראפעאישע דיפלאמאטיע איז צוריק ארויף אויפ'ן וועג פון געהיימע קאנפערענצן, וואס ווערן אפגעהאלטען אונטער 4 אויגען. די קאנפערענצן מיט'ן אנטייל פון צעהנדליגער מלוכות, די גרויסע ציגיגע פלענער צו ראטעווען מיט איין קלאפ די גאנצע וועלט, די אידעען פון אלגעמיינער ענטוואפנונג און א ווירטשאפטליכען „פאן־אייראפא" זענען אויף א לענגערער צייט בעגראבען געווארען. איצט וויל מען אנווענדען אנדערע הייל־מעטאדען. מ'וויל פערטיילען אייראפא אין פערשידענע מינים חולאים, און צו יעדען חולה אנווענדען אנ'אנדער מעדיצין.

קודם כל וויל מען ראטעווען די מיטעל־אייראפעאישע מלוכות, וועלכע זענען אמשטארקסטען געטראפען פון קריזיס, און עסטרייך און אונגארן האלטען שוין פשוט ביי גסיסה אין פינאנציעל־ווירטשאפטליכען זין.

אלע מיטעל־אייראפעאישע מלוכות האבען איין געמיינזאמען כאראקטעריסטישען שטריך: זיי זענען אין א גרעסערער, צי קלענערער מאס אגראר־מלוכות. זיי ליידען פון מאנגעל אין אפזאץ־מערק אויף לאנדווירטשאפטליכע ארטיקלען און פון צו גרויסען אימפארט פון אינדוסטריע־ארטיקלען. וואלטען ניט געווען די צאל־מויערען, וואס זענען איינגעשטעלט ביי יעדער פון די דאזיגע מלוכות, וואלט מען די מיטעל־אייראפעאישע מלוכות זיך געקאנט געגענזייטיג ממלא זיין, ווייניגסטענס אין די אינדוסטריע־ארטיקלען. אזוי אבער, ווי מיר לעבען איצט אין א תקופה, ווען איין מלוכה וויל איבעריאגען די צווייטע אין אריינפיהר־בעגרענצונגען, ווען יעדע רעגירונג וויל פאר יעדען פרייז בעגרענעצען דעם אימפארט, קומט אויס, אז יעדע פון די מיטעל־אייראפעאישע מלוכות האט ניט קיין גרויסע מעגליכקייטען צו עקספארטירען איהר איבער־פראדוקציע און זי מוז אימפארטירען די איהר נויטיגע אינדוסטריע־ארטיקלען נאר פון די לענדער, וואו מ'קויפט ביי איהר א ביסעל לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען. דערפון האבען קודם כל גענאסען די דייטשען. זיי האבען כמעט אין אלע לענדער פון מיטעל־אייראפא פערנומען דעם אויבען־אן אין אימפארט, קויפענדיג דארט מיליאנען די איהר נויטיגע לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען. די גרויסע ווירטשאפטליכע ראל פון דייטשלאנד ביי די דונאי־מלוכות האט במילא געבראכט אויך צו דער פערשטארקונג פון דייטשלאנד'ס פאליטישער השפעה אין די דאזיגע לענדער. אמשטארקסטען איז דייטשלאנד'ס השפעה אין עסטרייך, וואו מען טראכט נאך אלץ פון א פולשטענדיגען צונויפגיסען זיך מיט'ן דייטשען רייך. אויך אין אונגארן און מיילוויז אפילו אין רומעניען איז דייטשלאנד'ס השפעה גאר שטארק. דאגעגען אין טשעכא־סלאוואקיען איז פארהאן א בפירוש'ער געגענזאץ צווישען די עקאנאמישע אינטערעסען און די פאליטישע קאנצעסיעס. ווירטשאפטליך איז טשעכא־סלאוואקיען אפהענגיגער פון דייטשלאנד, ווי פון אנ'אנדערער אייראפעאישער מלוכה. פאליטיש איז די דאזיגע מלוכה די פעסטונג פון פראנקרייך אין מיטעל־אייראפא. פוילען האט געשפילט פאר פראנקרייך א גאר גרויסע ראלע, ווען ס'האט געדראהט די געפאהר פון א באלשעוויסטישער אינוואזיע אין אייראפא, און ווען דייטשלאנד האט גע'חלום'ט וועגען צוריק אפנעמען עלזאס און לאטרינגען. איצט איז די באלשעוויסטישע געפאהר און דער פארם פון אנ'אנפאל פון דער רויטער ארמעע אויף דעם קאפיטאליסטישען אייראפא פולשטענדיג פערשוואונדען. די סכנה מצד דייטשלאנד איז, אמת, ניט פארביי, בפרט ביים וואוקס פון היטלעריזם, אבער דירעקט האבען די פראנצויזען נישט קיין מורא פאר די היטלעריסטען, ווייל אין אלע זייערע פלענער אויף דער צוקונפט, ד.ה. ווען ס'וועט קומען אין דייטשלאנד דאס „דריטע רייך" דערמאהנען זיי ניט וועגען עלזאס און לאטרינגען. דאס האט גורם געווען, אז די פראנצויזיש־פוילישע ענגע פערבינדונג איז לעצטענס א ביסעל לויזער געווארען. די ביידע מלוכות זענען אויך ווייטער פארבינדעטע, און פראנקרייך פערטיידיגט אין אלע מעגליכע פאלען דעם פוילישען שטאנדפונקט, אבער דאס הויפט־געוויכט ליגט איצט פאר פראנקרייך אויף טשעכא־סלאוואקיען. זי דארף עס ווערען דאס פראנקרייך פון מיטעל־אייראפא.

דער גאנצער פראנצויזישער פלאן וועגען דעם פערבאנד פון די דונאי־מלוכות בעצוועקט מאכען צו פאווארייזירען טשעכא־סלאוואקיען, אז זי זאל שפילען די ערשטע פידעל אין דאזיגען פערבאנד. זעלבסטפערשטענדליך, אז אין ווירטשאפטליכער פינאנציעלער הינזיכט וועלען אלע 5 דונאי־מלוכות: טשעכא־סלאוואקיען, רומעניען, עסטרייך, אונגארן און יוגא־סלאוויען א סך געווינען פון דאזיגען פערבאנד. א דאנק דער אפשאפונג פון די צאל־באריערען צווישען די דאזיגע מלוכות, וועלען זיי אין א גרויסער מאס זיך געגענזייטיג ארויסהעלפען. זיי וועלען אויך אלס פערבאנד לייכטער קאנען געווינען אפזאץ־מערק אויף זייערע לאנדווירטשאפטליכע ארטיקלען. אבער פראנקרייך איז אויסען קודם־כל מיט'ן דאזיגען פלאן צו פערשטארקען איהר פאליטישע השפעה אין מיטעל־אייראפא און אויפ'ן באלקאן אויף דייטשלאנד'ס חשבון. דערפון איז קלאר, אז דייטשלאנד איז ניט ענטציקט פון פראנצויזישען פראיעקט, און אויך איטאליען, וואס האט איהרע חשבונות אויפ'ן באלקאן, איז ניט קיין אנהענגער פון טארדיע'ס פלאן.

ענגלאנד איז אויך ניט פעראינטערעסירט אין וואוקס פון פראנקרייך'ס השפעות אין אייראפא. ענגלאנד האט דעריבער פארגעלייגט צונויפצורופען א קאנפערענץ פון די פיר גרויסמאכטען, וועלכע זענען פעראינטערעסירט עקאנאמיש און פאליטיש אין דער לאגע פון די דונאי־מלוכות, כדי געמיינזאם ארורכצודיסקוטירען פראנקרייך'ס פראיעקט. די פראנצויזען האבען אפילו געוואלט פריהער צונויפרופען א קאנפערענץ פון די 5 דונאי־מלוכות, ארורכפיהרען איהר פלאן און דערנאך שטעלען די איבריגע מלוכות פאר א געשעהענעם פאקט. זי האט אבער געמוזט מסכים זיין אויף ענגלאנד'ס פארשלאג, און נאר אויסגע'פועל'ט, אז פאר דער קאנפערענץ פון די 4 מלוכות, זאל מאקדאנאלד אפהאלטען א קאנפערענץ מיט טארדיע'ן, וועלכער פאהרט שוין די טעג ארויס קיין לאנדאן.

אויף דער מאקדאנאלד־טארדיע־קאנפערענץ וועט מען א חוץ די פראגען וועגען די דונאי־מלוכות בעהאנדלען אויך א רייהע אנדערע ערשט־ראנגיגע פראבלעמען. די רעפאראציע־פראגע וועט זיכער ניט פערנעמען דארט דאס לעצטע ארט. די דאזיגע פראגע וועט נאך לאנג שטעהן אויף דער טאג־ארדנונג, און לעת־עתה זעהט זיך ניט קיין אויסוועג, ווי אזוי זי וועט קאנען געלעזט ווערען.

דער זיג פון הינדענבורג'ן אלס פרעזידענט און אפילו ווען די צענטער־לינקע פארטייען זאלען אפהאלטען ביי די לאנדטאג־וואהלען אין פרייסען א נצחון, הגם דאס איז זעהר ניט וואהרשיינליך, וועט אויך ניט ענדערען די לאגע מחמת ווען אפילו די לינקע זאלען קומען אין דייטשלאנד צו דער מאכט, וועלען זיי בנוגע דער רעפאראציע־פראגע פערנעמען דעם זעלבען שטאנדפונקט, וואס היטלער אין ברונינג, ד.ה. ניט וועלען מעהר צאהלען. די אויפקלערונג פון דער לאגע קאן גיכער קומען דורך פראנקרייך. אויב דער לינקער קארטעל וועט ביי די נאהענטסטע פארלאמענט־וואהלען אפהאלטען א נצחון וועט מען אין פראנקרייך איינגעהן אויף די ווייטגעהענדסטע קאמפראמיסען בנוגע די מלחמה־חובות.

דערווייל אבער שטעהט טארדיע בראש פון פראנצויזישען קאבינעט און ער וויל דערגרייכען אין דער רעפאראציע־פראגע א פערשטענדיגונג מיט ענגלאנד. דער צופאל האט געוואלט, אז ענגלאנד זאל איצט גיכער זיך וועלען דערנעהנטערן צו פראנקרייך, ווי פריהער. דער אירלענדישער קאנפליקט, וואס בעשטעהט דעריין צו צווינגען אירלאנד צו האלטען זיך אין געשריבענע אפמאכען, מוז בעוועגען די ענגלענדער אויך בנוגע דעם ווערסאילער טראקטאט און יאנג־פלאן זיך ענטקעגענצושטעלען די רעוויזיאניסטישע פלענער פון דייטשלאנד.

דערווייל זענען מיר ארייַן אין א תקופה פון קאנפערענצן: מאקדאנאלד־טארדיע־קאנפערענץ, קאנפערענץ פון דייטשלאנד, איטאליען, ענגלאנד און פראנקרייך, קאנפערענץ פון 5 דונאי־מלוכות, לאזאנער קאנפערענץ און נאך ניט פאראויסגעזעהענע אנדערע קאנפערענצן, די וואהלען. וואס וועלען אבער פארקומען אינצווישען די קאנפערענצן, די פרעזידענט־וואהלען אין דייטשלאנד, די לאנדטאג־וואהלען אין פרייסען און די פארלאמענט־וואהלען אין פראנקרייך קאנען צונישט מאכען די רעזולטאטען פון די שוין־אפגעהאלטענע קאנפערענצן און פערקערעווען אויף גאנץ אנדערע דרכים די קאנפערענצן, וואס וועלען דארפען שפעטער פארקומען.

האַרטנעקיגע פערשטאפונג, דיקע־קישקע־קאטאר, שווערקייט פון אפגעבען גאזען, פערשטאפונג פון מאגען, אלגעמיינע קראנקהייטס־געפיהל, ווערען זעהר אפט בעזייטיגט דורך דעם געברויכען פון פריהמארגען און אווענד בו איין קליין גלאז ביטער־וואסער
Franciszka Józefa

מאָדערנע קונסט, אָדער געצעגדינסט

אַנ׳ענטפער דעם קונסט-סעאָרעטיקער ה׳ סטשעמינסקי

פון ישראל לײזעראָװיטש

[illegible]

מײַנע בעגעגענישען מיט׳ן װעלט-בעריהמטען יודישען געלערנטען מאריץ שטײנשנײדער

ער האט געװעהן יעדען אַלטען יודישען בוך אין די ביבליאָטעקען פון דער װעלט.-װי ער פלעגט צו 90 יאהר נאך זיצען אין דער סיזערליכער ביבליאָטעק.-איך שרײַב נאך פאר דרײַ, אָדער 4 לעזער פלעגט ער זאגען.-צו 80 יאר האט ער זיך גענומען צו מאטעמאטיק

פון ראובן ברײַניז

ב.

[illegible]

צװישען יודען אין ליסאבאָן

פון מײַן רײַזע איבער פּאָרטוגאַל

פון

א. י. ברושעשינסקי

[illegible]

דריי פערליבטע

(פון דער סעריע: געשיכטען וועגען עהרליכע מענשען)

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט")
— פון —
— רחל פייגענבערג —

— יא, געווען איז עס א פשוט יודיש מיידעל — האט דער יונגערמאן אנגעהויבען זיין דערצעהלונג, צוהערענדיג דעם רויך פון זיין ציגאר — א יודיש מיידעל, וואס האט געדינט אין א יודיש הויז. דריי האבען זיי מיך דאן ליב געהאט: מיין שותפ'ס ווייבעל, זיין שוועסטער און זי, זיין יודישע דינסט, וועלכע פלעגט מיך בעדינען אזוי געטריי.

— צי האב איך דאס מיידעל ליב געהאט?

ער האט ווידער פערצויגען דעם רויך פון זיין דיקען סיגאר און זיינע מידע פערחלומ'טע אויגען האבען אויפגעשיינט מיט א ווייכען סאמעטענעם גלאנץ.

— יא, איך האב זי ליב געהאט. איך האב זי ליב בעקומען פאר איהר עהרליכקייט. געווען איז עס אין וואהלין, אין א קליין פערווארפען שטעטעל, ווייט פון דער באהן. איך מיט מיין שותף האבען דארט צוזאמען געהאקט א וועלדעל פון'ם פריצ'ם גוטער און איך האב דאן געדארפט זיצען דעם גאנצען ווינטער אינ'ם דאזיגען שטעטעל. מיין שותף איז געווען א דארטיגער תושב. ער האט פערמאגט א גרויסע הילצערנע ירושה־שטוב, פון זעקס צימערן מיט א גאניק, און א ברייטען אויפ'ן הויף. אונטער די פענסטער זענען געוואקסען בלומען־ביימלעך און פארביי האט זיך געצויגען דער טראקט און וואלד ארום. א גאנצען ווינטער איז דאס שטעטעל געלעגען אונטער'ן שניי מיט די אנגעדוקטע שינדעל־דעכער אויבער די שטובען און פון ווייטען האבען זיך געטונקעלט די ארומיגע וועלדער, ווי אין בלויען רויך פערנעבעלט.

דארט איז געווען זעהר אומעטיג. מיין שותפ'ס פאמיליע האט געלעבט אפגעזונדערט פון'ם יודישען ישוב, ווייל דאס שטאטיש־אינטעליגענטע ווייבעל זיינס האט זיך דארט נישט געקאנט צופאסען קיין געזעלשאפט. די שטעטעלדיגע יודען פלעגען אריינקומען צו איהם בלויז געשעפטליך און מיט א וויזיט פלעגט בלויז קומען אמאל און א זעלטען אנ'אלטע קריסטליכע לעהרערין, וועלכע האט געפיהרט נאך זיך אויף א לאנגער קייט א ברוין געצערטעלט הינטעל. איך בין געווען דער איינציגער היימישער מענש, וואס איז געקומען כמעט יעדען טאג צום בעזוך. נאטירליך, בין איך געווען אין הויז זעהר אנ'אנגענעהמער גאסט. איבערהויפט האבען זיך געפרעהט מיט מיר די דאמען. זיי זענען, נעבעך, געווען אזוי פערבענקט נאך מענער־געזעלשאפט, אז זיי האבען זיך אין מיר פערליבט. דריי — ווי געזאגט — זענען זיי געווען אין הויז: די בעל־הבית'טע, דעם בעל־הבית'ס שוועסטער, וואס איז געקומען אהער פון שטאט בערוהיגען די נערווען, און דאס יודישע דינסט־מיידעל, וועלכע האט פערבלאנדזשעט אהער פון רוסלאנד, האפענדיג צו פאהרען אמאל קיין אמעריקא.

מיין שותפ'ס ווייבעל איז געווען א יונגינקע מיט רויטע בעקלעך און א בלאנד געלאקט קעפעל. אויך האט זי געשפילט אויף א מאנדאלינע און געטאנצט זעהר ליבליך. האט זיך דאס דאזיגע קליינע ווייבעלע געהאלטען פאר א שעהנהייט. דערביי איז זי זיכער געווען, אז יעדער מאן איז מחויב זי ליב צו האבען דערפאר, און איהר איז דערזיבער תמיד גוט געווען אויפ'ן הארצען און עס האט זיך איהר דורכאויס געלאכט און געטאנצט. איהר הייטער געמיט און זיכערקייט און זיך האט נאר געשטערט די שעהנע שוועגערין איהרע, וועלכע איז געווען הויך און שלאנק. געהאט האט זי א בלאס איידעל פנים מיט לאנגע טונקעלע צעפ, און קאקעטירט האט זי מיט אזעלכע אויסטערלישע מיטלען, וואס נאר זי אליין האט געוואוסט דעם סוד פון זיי. זי האט קאקעטירט מיט שטילקייט, מיט אומעט, מיט שווייגעניש און מיט פוילקייט. אפילו מיט א לאנגען געניץ האט זי געקאנט קאקעטירען, און דאס אלץ איז ביי איהר ארויסגעקומען זעהר פיקאנט.

זי האט געוואוסט, אז די אלע משונה'דיגע חנ'דלעך פאסען איהר און זי האט דערויף איהר גאנצע צייט אוועקגעגעבען, און אויב יענע, מיין שותפ'ס קליין ווייבעלע מיט די ראזע בעקלעך האט געמיינט, אז זי איז א שעהנהייט, איז די בלאסע שוועסטער זיינע מיט די טונקעלע צעפ אזוי פערליבט געווען אין זיך, אז איהר האט זיך געדאכט, אז נאר זי איז די איינציגע עכטע פרוי אויף דער וועלט און די אלע איבריגע זענען געפעלשטע און מינדערווערטיגע. נאר געמוזט האט זי אלעמאל האבען דעם מאן, פאר וועמען צו דעמאנסטרירען איהר אויסטערלישע ווייבליכע קאקעטעריע, און איז איהר אזעלכער נישט געווען פאר די אויגען, האט זי זיך ארומגעדרעהט גאנצע טעג איבער דער שטוב אנ'אנגעבלאזענע מיט פערלאשענע בליקען, אנגעבויגען און אפאטיש ווי אנ'אומבעהאלפענע אפגעלעבטע זקנה. אזוי האט זי זיך געפוהלט חדשים־לאנג ביים ברודער אין הויז, וואוהין זי איז געקומען זיך היילען די נערווען פון עפעס א פערפלאנטערטער גט־געשיכטע מיט'ן צווייטען מאן.

נאר אז איך בין געקומען צו פאהרען, האט זי מיט אמאל אויפגעלעבט. דערהערט אנ'אומבעקאנטע מענער־שטים אין שטוב, האט זי זיך דערמאנט, אז זי האט שוין דריי טעג נישט געקעמט זיך די האר. גלייך איז זי אוועק אין באדע־צימער און געזוימט האט זי זיך דארט א גוטע פאר שעה. קוים פערטיג געווארען מיט'ן טואלעט צום אווענד־ברויט. נאר ארייגעקומען איז זי אין עס־צימער א פערפודרטע און אין איהר היימישען שווארצען קלייד מיט די ווייסע בעשיידענע קעלנערלעך און דאס שווארצע סאמעטענע וועסטעל פון אויבען. זי האט מיך אויפ'ן ערשטען בליק איבערראשט מיט איהר בעשיידענהייט און שטילקייט.

און יענע, די קליינע בלאנדינע, איז אויך גליקליך געווען מיט מיין קומען צו זיי אין הויז. זי איז מיר געפעלען געווארען מיט איהר לייכטקייט פון געמיט, און געשימערט האט זי מיר פאר די אויגען מיט איהרע געבלומטע וויאלעט־קליידער און קאלירטע בענדער אויפ'ן קאפ. ביידע דאמען האבען מיך ממש געפאנגען מיט זייער רייצענדען אויסזעהן און בענעהמונגען. נאר אויב די בלאנד־קליינע שטופערין בין איך מחויב געווען צו ליבען, ווייל זי איז געווען שעהן און לוסטיג, ווי א קינד, האב איך צו דער שלאנקער צניעות'דיגער פרינצעסין געדארפט קניען פאר דעם גליק, וואס זי האט מיר צוגעטיילט, איך זאל זי בעדינען.

אזוי ארום האבען די צוויי דאמען גענומען אויסנוצען מיין ריטערליכקייט. איך האב געמוזט ביידע בעגלייטען אויפ'ן שפאציר, ביידע פערשפילען די באטען און דורכגעהן די אווענדען אויסטאנצען מיט ביידען די נייעסטע טענץ, און בין איך געפאהרען אין שטאט, האבען זיי מיך דארט געמאכט פאר זייער א שוק־יונגעל. איך האב געמוזט געהן צו דער שניידערין, צו דער וועשערין און אין פערשיידענע מאדע־געשעפטען צופאסען מוסטערן. איך בין אויך מחויב געווען צו ברענגען פאר זיי די נייעסטע ראמאנען צום לעזען. דערביי האבען זיי מיך צוגעוואוינט, איך זאל יעדעס מאל מיטברענגען מתנות. און דאס איז פאר מיר געווען דאס שרעקליכסטע. דאס האט געפאדערט פיל געלד און איך האב אויך געמוזט זיין זעהר פארזיכטיג, ווייל די ביידע שוועגערינס האבען שטארק געאייפערט צו מיר איינס דאס אנדערע און לויט די מתנות וואס איך פלעג ברענגען פון שטאט, האבען ביידע געוואויגען און געמאסטען מיין ליבע צו זיי. יעדע האט געפאדערט פון מיר טרייהייט פאר יעדען איינציגען קוש...

האב איך, נאטירליך, געשוואוירען טרייהייט מיין שותפ'ס שוועסטער. דערביי האב איך איהר נאכגעגעבען, אז איהר קליינע שוועגערין מיט'ן בלאנד געקרייזעלטען קעפעל פאסט צו זיין א קעלנערין אין א קאפע, כאטש זי האלט זיך פאר א גרויסער אינטעליגענטין. איך האב אויך איינגעשטימט מיט דער קליינער שטופערין, ווען יענע האט מיר ארייגעסוד'עט אין אויער:

— וואס זאגט איהר עפיס? מיין שוועגערין האט בעשלאסען צו מאכען א קאריערע אויף איהרע צעפ ביז זיבציג יאהר. האט נישט געוואלט לערנען, ווייל נישט ארבייטען און פאראזיטירען אלע איהרע יאהרען אויפ'ן חשבון פון איהרע לאנגע האר. נאר וויפיל איז דער שיעור צו עקספלואטירען אזוי די צוויי צעפלעך?

יא, איך האב מסכים געווען מיט ביידען. נאר די דאזיגע צוויי ליבעס האבען מיך געקאסט צו טייער, ווי אין געלד, אזוי אין צייט. אנגעטון אין פעלץ און אין שטיוועל, האבען מיר ביידע מיט'ן שותף גאנצע טעג ארומגעבלאנדזשעט איבער'ן וואלד, וואו מען האט ארויסגעפיהרט דאס געהילץ. און דער היים פלעגט ער א פערמאטערטער אוועקפאלען שלאפען און איך האב קיינמאל קיין רוה נים געהאט. נאך דער ארבייט האב איך געמוזט בעדינען און ווילען מיינע צוויי געליבטע דאמען, וועלכע זענען ביידע געווען אזוי שעהן און אזוי רייצענד. איך בין געווען ממש פערצווייפעלט, און עס איז נאך א נס, וואס איך האב דאן געהאט נאך א דריטע ליבע. די דאזיגע האט מיר געגעבען מוט און כח און צו טראגען מיין דאפעלטע לאסט פון ריטערליכקייט ביי מיין שותף אין הויז.

מיין דריטע געליבטע איז געווען דאס דינסט־מיידעל פרומעלע.

זי איז געווען א ברונעטין פון מיטעלען וואוקס, א דיקליכע און שעהמעוודיגע מיט א בעק'חנ'ט קליין מיילכעל. און זי איז עס געווען דער גוטער און געהיימער מלאך, וואס האט מיר יעדען טאג אריינגעלייגט אין קעשענע פון מיין פאלטא געפרעסטע ווייס־קלארע טאשען־טיכלעך און נאכגעזעהען טאג־טעגליך מיינע ווארימע הענדשקעס, צי זיי זענען גאנץ. א צייט האב איך מיר געבראכען דעם קאפ, ווער דאס איז מיר אזוי געטריי, און איך האב זיך צו גארנישט געקאנט דערטראכטען. נאך איין מאל נאכ'ן אווענד־ברויט, ווען איך בין געזעסען ביי מיין שותפ'ס טיש און האב געפלאפלט מיט זיין ווייב און מיט זיין שוועסטער, האב איך דערפוהלט אויף זיך א בליק פון פרומה'לען, וועלכע האט מיר דערלאנגט א גלאז טיי, און עס האט מיך עפעס א ברי געטאן דערפון, ווי מיט פייער. דאס מיידעל האט זיך פערדרייטעלט ביז צו די אויערן און איז אנטלאפען אין קיך.

פון דאן האב איך אנגעהויבען נאכשפירען, אויב זי איז עס נישט מיין געטריישע פערזארגערין מיט געוואשענע טאשען־טיכלעך און גאנצע הענדשקעס. ערשט — עס איז ווירקליך געווען זי. ווען איך פלעג ארייגקומען צו מיין שותף אין שטוב, האט זיך זיין ווייבעל געכאפט שפילען אויף דער מאנדאלינע. זיין שוועסטער האט זיך פערווארפען די לאנגע צעפ איבער'ן האלז און איז געווארען בענקענדיג־מעלאנכאליש און דאס דינסט־מיידעל זיינס פלעגט זיך באלד נעמען פוצען מיין פאלטא און וואשען מיינע קאלאשען. אזוי איז עס געווען טאג־טעגליך. איך בין געווען שטארק־געריהרט פון דעם מיידעל'ס גוטע בענעהמונגען, און איין מאל ביים אוועקגעהן, ווען פרומעלע האט שפעט אין אווענט מיך בעגלייט צו דער טיר, האב איך איהר בעדאנקט פאר איהר אויפמערקזאמקייט צו מיר און האב איהר געגעבען פופציג גילדען. נאך דאס מיידעל איז געווארען אנגעצינדעט. זי האט מיר צוריק אריינגעשפארט אין האנד דאס געלד. און די אויגען האבען איהר טרעהרען געצימערט:

— דער הער בעליידיגט מיך — האט זי ארויסגעשטאמעלט.

— וועסט זיך עפיס קויפען דערפאר, ארבייטסט אזוי שווער.

— איך טו עס נישט פאר געלד. דער הער איז מיר אזוי ליב.

איך האב איהר פערטרייליך געדריקט די האנד און בין אוועק. די צווייטע וואך ווען איך בין געווען אין שטאט, האב איך איהר דארט געקויפט א ווארימען סוועטער. נאך אין דעמזעלבען אווענט האט זי מיך, ביי מיין אוועקגעהן, ווידער בעגלייט צו דער טיר און דא האט זי מיר דעם פערפאקטען סוועטער צוריקגעגעבען.

— פרומעלע, ס'איז פאר מיר דיין גרעסטע בעליידיגונג. זאגסט זיך אפ אנצונעמען פון מיר א מתנה?

דאס פערפלאמט־שעהמעוודיגע דינסט־מיידעל איז ווידער געשטאנען געבויגען פאר מיר מיט א צימערדיגע טרעהר אין די אויגען:

— איך דארף נישט קיין מתנות. א שאד איבער געלד. איהר דארפט זיי דאך אלע מאל ברענגען. שאקאלאד... פערפום... ביסקוויטען... זיי... זיי — האט זי געוויזען מיט דער האנד אויף די פערמאכטע צימערן, וואו ס'האבען געמיטליך צווישען זיך געשמועסט די בעל־הבית'טע מיט דער שוועגערין.

יא, דאס שטילע שעהמעוודיגע דינסט־מיידעל האט געוואוסט פון אלצדינג. פון אלץ האט זי געוואוסט. איך האב איהר געגעבען א קוש און איהר קליין מיילכעל און זי איז א גליקליכע מיט'ן היימען קאפ צוגעפאלען צו מיין אקסעל, נאר זי איז גלייך אפגעשפרונגען צוריק און איך בין מיט'ן סוועטער אין דער האנד אוועק אהיים.

פון דעמאלט אן האט די גליקליכע פרומעלע יעדען אווענד געדולדיג געווארט אויף מיין קוש, נאר זי האט דערביי אויך געפונען פאר נויטיג צו פערגרעסערן בנוגע מיר איהרע פליכטען. ווען איך בין איינמאל אין א פארנאכט געקומען פון וואלד אהיים, האב איך מיין צימער נישט דערקענט. א געטרייע ווייבליכע האנד האט דא געמאכט אזא זויבערקייט און ארדנונג, אז עס האט געשיימערט אין יעדען ווינקעל. צו מיין ערשטוינונג האט מיר מיין בעל־הבית'טע איבערגעגעבען זעהר זאכליך, אז דא האט געארבייט מיין שותפ'ס דינסט־מיידעל העלבער דריי שעה. דערביי איז זי זיכער געווען, אז איך האב איהר געשיקט אהער.

נאטירליך האב איך געמאכט א שווייג און פרומעלע'ס געטריישאפט צו מיר האט געגלאנצט פאר מיינע בעלי־בתים אלס בעצאהלטע שטיקעל ארבייט פון א דינסט. נאר אזוי ארום האב איך יעדען טאג אין מיין צימער געטראפען נייע סיורפריזען. מיין פערליבט מיידעל האט מיר אויסגעהאפטען פארהאנגלעך אויף די פענסטער, זי האט מיר געפלאנצט בלומען־טעפ און געמאכט א הערליכען אבאזשור אויפ'ן לאמפ. זי איז, ווייזט אויס, געווען א קינד פון א גוטער פאמיליע, אלץ האט זי געקענט.

אזוי זענען אריבער א פאר חדשים. פרומעלע איז מיר וואס ווייטער ליבער און טייערער געווארען. דערנאך האט זיך מיין ליבע צו איהר אזוי געשטארקט, אז איך האב זיך דערשראקען פאר זיך אליין. ס'האבען מיך בעהערשט משונה'דיגע געדאנקען. איינמאל איז מיר איינגעפאלען, אז איך זאל מיט מיין שותפ'ס דינסט־מיידעל דא אין שטעטעל אריינגעהן צום רב און שטעלען א חופה, אויף להכעיס מיינע ביידע אינטעליגענטע ליבע דאמען.

נאך איך האב מיך בעקעמפט און בין אין מיטען ווינטער אנטלאפען פונ'ם שטעטעל, צולאזענדיג מיין שותף דאס געשעפט און רעלטען ברען פון דער ארבייט. זיין בלאנד לוסטיג ווייבעלע און די פרינצעס־פיקאנטע שוועסטער זיינע האבען זעהר בעדויערט מיין אוועקפאהרען. דעם לעצטען אווענד זענען זיי ביידע געווען רייצענד שעהן. די בלאסע און שלאנקע גרושה איז אין איהרע ווייסע קעלנערלעך, מיט'ן סאמעטענעם וועסטעל געווען זעהר מעלאנכאליש. א גאנצען אווענד האט זי זיך א שווייגענדער געשפילט מיט איהרע צעפ און מיך האט זי געבעטען אלץ ווידער איך זאל איהר אנצינדען דאס פערלאשענע סיגארעטעל, וואס זי האט געהאלטען צווישען די פינגער און יענע, דער העלער שמעטערלינג אינ'ם וויאלעט־קליידעל, מיט די ווייסע נאקעטע הענטלעך האט זיך א גאנצען אווענד געקייכט פאר געלעכטער און געצוואונגען האט זי מיך צו טאנצען מיט איהר אהן א סוף. נאר דערביי האבען זיי ביידע געהאט און זיינען מיטצוגעבען מיר דאס לעצטע מאל א גאנצען צעטעל מיט בעשטעלונגען אין שטאט וועגען ווירטשאפט און טואלעט־אנגעלעגענהייטען. אויף א חודש צייט האבען זיי מיך פערזארגט מיט ארבייט און מיט געגנג.

נאר מיין ליבע פרומעלע האט עס מיר געמאכט לייכט, ווי תמיד. ביים לעצטען מאל, ווען זי האט מיך ארויסבעגלייט אויפ'ן גאניק, האב איך זי קוים איינגעבעטען, זי זאל ביי מיר נעמען א מתנה הונדערט גילדען צו קויפען זיך עפיס אזוינס, וואס איהר געפעלט.

נאך צוויי־דריי טעג פריה, ווען דער פוהרמאן איז מיר געקומען נעמען צו דער באהן, האב איך זי דערזעהן שטעהן א רויט־פערשעהמטע נעבען מיין טיר, איינגעהילט אין איהר לייכט־גראהען מאנטעלע מיט'ן ווייסען וואלענעם טיכעל אויפ'ן קאפ. זי האט מיר אפגעגעבען צוריק די הונדערט גילדען און געבראכט האט זי מיר א פרישען טארט אויפ'ן וועג.

— פרומעלע, טייערע, איך וועל עס נישט נעמען. די ארבייטסט אזוי שווער.

נאר דאס מיידעל האט מיך שוין נישט געהערט. א פערוויינטע איז זי אנטלאפען פון שטוב און איך האב זי מעהר נישט געזעהען...

דער יונגערמאן איז שטיל געבליבען. געשוויגען האבען אויך די ארומיגע געסט.

—8—

געקליבענע פערל

פון אבן גבירול'ס „מבחר הפנינים" — פון שניאור שפיץ

ארדען איז דיין פערמעגען און בילדונג, אז זיי זאלען דיר צו נוץ קומען אין טאג פון טויט.

* * *

היט זיך ווען צו טאן די דאזיגע, וועלכע האבען נישט קיין אנדער בעשיצער, ווי דער בעשעפער.

* * *

דער עניו ווערט אויסגעפרובירט אין זיין כעס, דער העלד אין מלחמה און דער פריינד אין דער צייט, ווען מען דארף זיין הילף.

* * *

דער בעל־תאוה איז גלייך צו דעם דארשטיגען, וואס טרינקט געזאלצענע וואסער: וואס מעהר ער טרינקט, אלץ דורשטיגער ווערט ער.

* * *

א חכם האט מען דערצעהלט וועגען איינעם, וואס האט געקריגען רייכטום. „האט ער געקריגען אויך יאהרען דאס צו גענוסען?" — האט דער חכם געפרעגט.

* * *

מען האט איינמאל דערצעהלט א חכם, אז א גביר איז געשטארבען. „ווי רופט מען דאס א מענשען א גביר, ביי וועמען דער טויט הענגט אראפ פון האלז שטענדיג?" פרעגט דער חכם.

* * *

א שלעכטער נגיד איז געשטארבען. האט דער חכם געזאגט:

„דאס געלד האט ער איבערגעלאזט פאר די יורשים אבער די עברות האט ער מיטגענומען".

* * *

די בעסטע פערגעניגענס זענען געמישט מיט גיפט.

געטע ?

צום 100־טען יאהרצייט נאך
דייטשלאנד'ס גרעסטען דיכטער

— פון —
ו. פעליז

געטע אלס 42־יעהריגער

3

נאך אט האט ער זיך ארויסגעריסען, א ווארט נישט זאגענדיג קיינעם פריהער, און פון טשעכישען קוראָרט קארלסבאד ארויסגעגאנגען זיך קיין איטאליען און פערבליבען דארטען א פאר יאהר נאכאנאנד (פון 1786—1788). צוריקגעקומען קיין ווייטאר איז נאר אנ'אנדער געטע, א קלאסיקער, א חסיד פון גריכישער שעהנקייט, פון גריכישער קולטור און פון איהר אויפלעבונג אין 15־טען און 16־טען יאהרהונדערט, בעת איטאליען האט ארויסגערוקט אזעלכע גאונים, ווי ראפאעל, לעאנארדא דא־ווינטשי און מיקעל אנדזשעלא.

צוריקגעקומען פון איטאליען און אנגעזאפט זיך מיט דער פרייער איטאליענישער ליבע, האט געטע זיך בעגעגענט אין ווייטאר אין א פרייער ליבע מיט אנ'ארבייטערין פון א בלומען־פאבריק, מיט קריסטיאנע וואולפיוס, וואס איז אין יאהרען ארום געווארען זיין געזעצליכע פרוי. זיין פרייע ליבע מיט קריסטיאנע וואולפיוס אינאיינעם מיט זיינע איטאליענישע איינדרוקען זענען בעזונגען אין די בערימטע „רוימישע עלעגיעס" און אין „די ווענעציאנישע עפיגראמען".

די קלאסיש גריכיש־רוימישע קונסט האט אין איהם אזוי שטארק פערשטארקט זיין חשק צו קלאסישע פארמען, אז ער פלעגט אפילו פאר טעמען פון אייראפעאישען בירגערליכען לעבען, אדער פאר משלים נוצען די בעוואוסטע גריכישע פערז־פארמע פון העקסאמעטער. אזוי האט ער געדיכטעט זיינע בעריהמטע פאעמעס „הערמאן און דאראטעא" און „ריינעקע פוקס", וואס זענען אין דער פארם גריכיש, אבער מיט זייער אינהאלט האבען זיי גאר קיין שייכות נישט צו דער אנטיקער, קלאסישער ליטעראטור.

אין יאהר 1787 איז ארויס די ערשטע אויסגאבע פון געטע'ס געזאמעלטע שריפטען (8 בענדער). אין 6־טען און 7־טען באנד, וואס זענען ארויס א ביסעל שפעטער, זענען געווען אפגעדרוקט די דראמע „טאסא" און פראגמענטען פון זיין „פאוסט", וואס אויף איהם האבען די דייטשע ליטעראַרישע קרייזען געווארט מיט גרויס אומגעדולד. דער פראגמענטארישער „פאוסט" און די ערשטע אויסגאבע פון געטע'ס געזאמעלטע שריפטען האבען קיין איבערגעשטארקען איינדרוק נים ארויסגערופען. די דראמע „פאוסט" האט דורכגעמאכט דעם אייגענעם וועג, וואס געטע און געהאט דעם אייגענעם גורל. ערשט פאמעליך האט זיך איינגעווארצעלט די מיינונג, אז „פאוסט" איז נישט נאר דאס גרעסטע ווערק פון געטע, נאר אויך פון דער דייטשער ליטעראטור בכלל און דארף פערנעמען אנ'ארט אין דער ערשטער רייה ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור.

א חוץ די איבערגעזעצטע דראמע דארף מען דערמאנען אויך „עגמאנט", וואס בעארבייט א היסטארישען שטאף. אבער נישט פון דייטשלאנד'ס געשיכטע (ווי „געץ פון בערליכינגען"), נאר פון די נידערלענדישע (האלענדישע) פרייהייטס־מלחמות געגען שפאניען. די דאזיגע דראמע האט בעגייסטערט בעטהאווען'ען צו זיין בעריהמטער קאמפאזיציע, דער אוווערטורע „עגמאנט", וואס ווייזט אויך ווי טיף דער גרעסטער קאמפאזיטאר פון זיין צייט האט געשעצט פון זיין יראת הכבוד פאר דעם גרעסטען דיכטער פון זיין דור, פאר געטע'ן.

און די ווייטערדיגע אויסגאבען האט זיך בעוויזען געטע'ס ראמאן „ווילהעלם מייסטער" (לערן־יאהרען, דערנאך וואנדער־יאהרען), וואס דארף פערדרעכענט ווערען ווי „פאוסט'ס" א צווילינגס־ברודער אין פראזע הן לויט'ן פערנעם פון זיינע טעמעס, דער טיפקייט פון די ארויסגעזאגטע עסטעטישע און געזעלשאפטליכע אידעען און אויך לויט דעם אופן שרייבען: דער ראמאן „ווילהעלם מייסטער" איז פערענדיגט געווארען סך הכל מיט צוויי יאהר פריהער ווי „פאוסט". אין 1829, בעת דער ערשטער טייל („ווילהעלם מייסטער'ס לערניאהרען") איז ארויס מיט א 35 יאהר צוריק.

צווישען געטע'ס פראזאאישע ווערק דארף מען נאך דערמאנען די חידושים־דיג פאעטישע אויטאביאגראפיע „דיכטונג און וואהרהייט" און דעם ראמאן „וואלפערוואנדשאפטען", וואס רעדט ארום געוויסע נאטורליך־געזעצליכע ערשיינונגען אין די „פרייע" ליבע־געפיהלען.

צו געטע'ס פראזע בעלאנגט אויך די גרויסע מאסע מאמרים אויף פילערליי ליטעראַרישע טעמעס און קונסט־פראגען, איבערזעצונג (ווי, למשל, די אויטאביאגראפיע פון איטאליענישען קינסטלער בענווענוטא טשעלליני), און אויך זיינע נאטור־וויסענשאפטליכע פארשונגען וואס האבען געטע'ן אויסגעשטעלט אין דער ערשטער רייה נאטור־פארשער פון 19־טען יאהרהונדערט, ווי א פאראויסזעהער און פאראויסזאגער פון יענער איבערקעהרעניש אין דער נאטור־וויסענשאפט, וואס ווערט אנגערופען מיט'ן נאמען דארווינזם. אין געטע'ס „מעטאמארפאזע (גלגולים) פון געוויקסען" געווארען א קלאסיש ווערק, וואס האט אנגעהויבען א נייע תקופה אין דער נאטור־וויסענשאפט. אבער נישט נאר פאר געוויקסען. דעם אייגענעם מעטאד און וועג פון ענטוויקלונג האט געטע געעפענט אויך פאר דעם געבוי, פאר דער אנאטאמיע פון מענשליכען קערפער, ענטפלעקענדיג דעם אזוי־גערופענעם צווישען־קנאכען אין מענשליכען סקעלעט.

אט אזוי זעהען מיר, אז געטע האט פונקט אזוי ווי זיין טראגישער העלד „פאוסט" זיין גאנץ לעבען געשטרעבט אויסצופארשען די סודות פון דער נאטור, צו דערגעהן דעם אמת פון דער וועלט און דעם זין און תכלית פון מענשענ'ס לעבען, און מען קאן דערביי אין די לעצטע ווערטער פון „פאוסט" (צווייטער טייל) זעהען די צוואה פון געטע פאר דער קולטור־מענשהייט.

„דער קרייז פון דער ערד איז מיר גענוג בעוואוסט, זאגט פאוסט, דער קוק אויף יענער וועלט איז אונז פערצאמט; א שוטה איז יענער, ווער עס קעהרט די אויגען אהין און מאלט זיך אויס איבער די וואלקענס א בעשעפעניש, וואס איז גלייך צו איהם. זאל דער מענש שטעהן פעסט אויף די פיס און זיך ארומקוקען, וואס ער קאן אויפטון דא, אויף דער וועלט. פאר דעם געניטען און פלייסיגען ארבייטער איז די דאזיגע וועלט נישט שטום און ער דארף נישט פארשען נאך עולם־הבא. זאל ער אליין ווייטער גערן זיין לעבען און פרייה. אט ציהט זיך א זומפ ארום א בארג און פערשפרייט מגפות. מען דארף אפציהען די וואסערן פונ'ם צופוילטען זומפ — אט דאס איז דער העכסטער ציל. שאפען פלאץ פאר מיליאנען מענשען, אז זיי זאלען דארט קאנען וואוינען, אמת נישט גאר זיכער אבער אין פרייער ארבייט. אט דאס איז דער לעצטער סך־הכל פון דער חכמה: נאר יענער פערדינט זיך כשר די פרייהייט און דאס לעבען, וואס קעמפט פאר זיי טאג־טעגליך. אט אזא מין המון בענק איך צו זעהען מיט מיינע אויגען: א פרייע פאלק אויף פרייער ערד".

נישט אומזיסט, משמעות, דערמאנט מען איצטער אין דער גאנצער וועלט געטע'ס הונדערטסטען יאהרצייט: געטע'ס „פאוסט" האט זוכה געווען צו ווערען די וועלטליכע ביבעל פון דער קולטור־מענשהייט.

געטע'ס פאטער און מוטער

דאנקזאגונג

ג' הערען!

א הארציגען דאנק דרוק איך אויס די ג' הערען פאר זייער ארויסגעבען די מאגאל־טאבלעטען. א לענגערע צייט איז מיין פרוי אניעלא קראנק געווען אויף געלענקען־ענטצינדונג, וואס איז גלייכצייטיג געווען פערבונדען מיט רעוומאטיזם. און יעדע ארט הילף און פערשיידענע מיטלען זענען געווען אהן רעזולטאט. מ'האט מיך געראטען נאך צו בענוצען מאגאל־טאבלעטען, וואס האבען זיך ארויסגעוויזען אלס וואונדערבאר מיטעל, ווייל שוין נאכ'ן אויסנוצען פון איין רעהרעל איז איינגעטרעטען אנ'ענדערונג, און יעצט פוהלט זיך מיין פרוי געזונד.

נאך אמאל דרוק איך אויס אין הייסט ווערמער מיין דאנק און פערבלייב מיט אכטונג

י. ווישניעווסקי.

סאביעשטשוב, B. מאשקוב ביי מאקאל

יאָזעף הײַדן

צום אָנדענקען פון צוויי הונדערטסטען געבורטסטאָג פון בעריהמטען קאָמפּאָזיטאָר — — — (31 מערץ 1732)

הײַנטיגעס יאָהר פײַערט די גאַנצע קולטורעלע וועלט, בעזונדערס אָבער די מוזיקאַלישע ספערען דעם אָנדענק פון צווייהונדערטסטען געבורטסטאָג פון יאָזעף הײַדן — אײנעם פון די גענייאַלע שעפער פון קלאַסישער מוזיק.

רעדט מען ווענען הײַדן, אַזוי שווימט אַרויף בײַם רוב מענשען דער געדאַנק פון פרעהליכקייט און עס דערוועקט זיך אַ געפיהל פון אויפגערוימטקייט, זעליגער הײמערקייט און נאַאיווער לעבענס-פרייד. ווי קוים אַן אַנדערער פאַר איהם, האָט הײַדן פערמאָגט די פעהיגקייט און זײַנע ווערק בולט אויסצודריקען הומאָר און הײמערקייט. אַ דאַנק איהם האָט די טאָן-קונסט, וואָס איז ביז דאַן געווען געבונדען אין די שטרענגע פאָרמען פון העגדל און באַך, זיך געעפענט אַ פרײַערען וועג אין דער ווירקליכקייט פון לעבען, און פון אַ בלויזער „קונסט-ספערע" געוואָרען אַ נויטווענדיגער, קולטור-ערציהערישער פאַקטאָר פון לעבען.

הײַדן ווערט מיט רעכט באַטראַכט און געשעצט אַלס שעפער פון דער מאָדערנער אינסטרומענטאַל-מוזיק, אַלס אײגענטליכער בעגרינדער פון דער סימפאָנישער און קוואַרטעט-מוזיק אין ברײַטערען זינען פון וואָרט. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט די ביז איהם אָנגענומענע סכעמאַטישע קאָמפּאָזיטאָרישע פאָרמען פרײַ געמאַכט און זיי ווײַטער ענטוויקעלט פאַר דער אינסטרומענטאַל-מוזיק; אויך די בענוצונג פון די אָרקעסטער-אינסטרומענטען האָט ער בעדײַטענד ערווײַטערט און יעדען אינסטרומענט פערווענדעט לויט זײַן כאַראַקטער, אַפילו הכי דעם גרויסען פויק!

„במעלליו יתנכר נער!" שוין אין די יונגער-שפּילערײַ לאָזט זיך דערקענען די צוקונפט פון אַ יונגען מענשען. דאָס דאָזיגע וואָרט פון אונזער שלמה המלך לאָזט זיך מיט פולען רעכט אָנווענדען לגבי יאָזעף הײַדן.

זײַענדיג קוים אַכט יאָהר אַלט, האָט הײַדן שוין אַרויסגעוויזען בעדײַטענדע מוזיקאַלישע פעהיגקייטען און אין יאָהר 1746 ווערט ער אָנגענומען אַלס „זענגערקנאַבע" (משורר) אין דער ווינער קאַנטאָרען-שולע בײַם סטעפאַנס-דאָם, וואו ער איז פערבליבען צעהן יאָהר. אַ חוץ אַלגעמײנער בילדונג האָט ער זיך דאָרט געלערנט פידעל און פּיאַנאָ שפּילען, אָבער קײן שום טעאָרעטישע אויסבילדונג אין מוזיק! פונדעסטוועגען האָט הײַדן זיך אַלײן גענומען צו קאָמפּאָנירען, און צו אַכצען יאָהר שרײַבט ער שוין זײַן ערשטען שטרײַך-קוואַרטעט; און נײַן יאָהר שפּעטער איבערראַשט ער די מוזיקאַלישע וועלט מיט זײַן ערשטער סימפאָניע. די דאָזיגע צוויי מינים מוזיק: שטרײַך-קוואַרטעטען און סימפאָניען — האָט ער מיט אַ בעזונדערער התמדה און איבערגעגעבענהייט בעאַרבײַט, און אין משך פון זײַן לאַנגען לעבען טאַקע אָנגעשריבען 77 קוואַרטעטען און 125 סימפאָנישע ווערק!

נאָכדעם, ווי הײַדן איז אַ קורצע צײַט געווען מוזיק-דירעקטאָר פון אַ קלײנעם פּריוואַט-אָרקעסטער, האָט ער אין 1761 אָנגענומען די פיהרונג פון דעמאָלט זעהר בעריהמטען אָרקעסטער פון פירשט עסטערהאַזי אין אײַזענשטאַדט (אונגאַרן), וואו ער איז פערבליבען אַלס מוזיק-דירעקטאָר 30 יאָהר.

צום סוף יאָהר 1790 פאָהרט הײַדן צום ערשטען מאָל קײן לאָנדאָן, וואו ער ווערט זעהר פרײַנדליך אויפגענומען און האָט גרויס ערפאָלג מיט זײַנע ווערק. דאָרט האָט ער בעקומען דעם דאָקטאָר-טיטעל פון דער אָקספאָרדער אוניווערזיטעט, און בעת דעם צערעמאָניאַל האָט מען, אגב, אויפגעפיהרט זײַן אַזוי-גערופענע „אָקספאָרד-סימפאָניע". ענגלאַנד האָט איהם געוואָלט גערן בעהאַלטען בײַ זיך, אָבער הײַדן האָט שטאַרק געבענקט נאָך זײַן הײמאַט, בעזונדערס נאָך דעם פרעהליכען, לוסטיגען ווין.

„תלמידי חכמים כל מה שמזקינין — דעתם מתישבת עליהן". די דאָזיגע מימרא פון אונזערע חז"ל קאָן אָנגעווענדעט ווערען בנוגע דעם גענייאַלען קאָמפּאָזיטאָר. וואָס עלטער הײַדן איז געוואָרען, אַלץ שטאַרקער האָט זיך בײַ איהם ענטוויקעלט די קאָמפּאָזיטאָרישע שאַפונגס-קראַפט. צו 65 יאָהר שרײַבט ער זײַנע בײַדע גרעסטע און בעריהמטעסטע ווערק, די אָראַטאָריעס: „די שעפּפונג" (מעשה בראשית) און „די יאָהרעסצײַטען", וועלכע האָבען תיכף ערהאָבערט די קאָנצערט-עסטראַדעס פון דער גאַנצער וועלט. בעזונדערס פּאָפּולער און בעליבט איז געוואָרען זײַן „שעפּפונג" (פערפאַסט אין יאָהר 1796), אין וועלכער הײַדן שילדערט די „בריאת העולם" און די ששת ימי המעשה, אָנהויבענדיג פון דעם „כאָאָס" (תהו ובהו), ביז צו דער בעשאַפונג פון ערשטען מענשען. הײַדנ'ס מײַסטערשאַפט און אין דאָזיגען ווערק פשוט בעוואונדערנסווערט דורך די אײדעלע אײַנפאַכקייט און קלאָרקייט פון אויסדרוק, דורך די בילדערגײַכע שילדערונג פון יעדער יצירה און דורך זײַן בעזונדערס צוגענגליכע מוזיקאַלישע שפּראַך, וועלכע איז פאַר יעדען צוהערער פערשטענדליך. גאַנצע דרײַ יאָהר האָט דער אַלטיטשקער „פּאַפּאַ הײַדן" געאַרבײַט איבער דעם דאָזיגען גראַנדיעזען ווערק!

און נעגענזאַץ צו פיל קאָמפּאָזיטאָרען פאַר און נאָך איהם (מאָצאַרט, בעטהאָווען) האָט הײַדן געהאַט דאָס זעלטענע גליק, אַז זײַנע קאָמפּאָזיציעס זאָלען ווערען אָנערקענט און פערשפּרייט אויף דער וועלט נאָך בײַ זײַן לעבען. ווען אַפילו הײַדנ'ס מוזיק איז שפּעטער דורך די ווערק פון דעם „גיגאַנטישען געני'ס" בעטהאָווען טײלווײַז צוריקגעזעצט געוואָרען, זענען זיי פונדעסטוועגען פון קאָנצערט-פּראָגראַם נישט פערשוואונדען. אדרבה, אין דער לעצטער צײַט ווערען זײַנע ווערק אָפטערס אויפגעפיהרט, און וואָס מעהר מען פיהרט אויף זײַנע שאַפונגען, אַלץ מעהר איבערצײַגט מען זיך, וואָסערע אוצרות פון גענייאַלער קאָמפּאָזיטאָרישער שאַפונגס-קראַפט עס זענען פערבאָרגען אין זיי. זײַער פרישקייט און הײמערקייט דערפרעהט עד היום טויזענדער פון צוהערער.

פאַר דעם יודישען לאָדז איז הײַדן נישט קײן פרעמדער. זײַן נאָמען איז נאָך פערבליבען אין זכרון פון די מוזיקליבענדע שיכטען אַ דאַנק דער אָפטערער אויפפיהרונג פון זײַנע מײַסטערווערק, די אָראַטאָריעס: „די „יאָהרעסצײַטען" און „די שעפּפונג" דורך דעם פעראײַן „הזמיר" אונטער דער לײַטונג פון הײמישע, ווי אויך אויסלענדישע דיריגענטען.

מיכרי

די רוסישע יודען האָבען אַמאָל שרעקליך געליטען פון אײגענע מוסרים

פאַרוואָס זענען בײַ יודען געווען אַזוי פיל מוסרים? — בעריהמטע מוסרים מיט 100 יאָהר צוריק

פון שאול גינזבורג.

אײנע פון די ביטערסטע פּלאָגען, פון וועלכע די יודען אין גלות האָבען שטענדיג געליטען, איז געווען די פּלאָג פון מסירות. די פערפאָלגונגען און בלבולים, וואָס האָבען זיך אָהן אויפהער געשאָטען אויף יודען, די שנאה און פערדאַכט, וועלכע האָבען זיי פערפאָלגט אויף יעדען שריט, האָבען געמוזט אַרויסרופען בײַ יודען די שטרעבונג וואָס ווייניגער צו קומען אין בעריהרונג מיט פרעמדע, וואָס ווייניגער זיי געבען די געלעגענהייט אַרײַנצומישען זיך אין יודישע אַנגעלעגענהייטען. דער לעבענס-געפיהל, דאָס געפיהל פון זעלבסט-שוץ האָט דאָס בעפעהלעריש דיקטירט דעם געדריקטען, געיאָגטען יודישען פאָלק, אַלס אײנעם פון די ווינטיגסטע מיטלען אויף אָפּצוהיטען זײַן עקזיסטענץ.

יודען האָבען געלעבט שטענדיג אין שרעק, אָבער זיי האָבען שטענדיג געשעהען די בלוטיגסטע געפאַהרען. אַז מעטים האָבען געליטערט טויזענדער שונאים, און פאַר יעדען אײנצעלנעם יודען פלעגען זיי מאַכען פעראַנטוואָרטליך דעם גאַנצען יודישען כלל. בײַ דער אַטמאָספערע פון האַס און פערדאַכט, אין וועלכער דער יוד האָט געלעבט, האָט ער געמוזט וואָס מעהר אויסמײַדען די אַרומיגע וועלט, סטאַרען זיך וואָס ווייניגער מיט איהר האָבען צו טון. ווען עס טרעפט זיך אַ סכסוך צווישען אײן יוד און דעם אַנדערען, דאַרף מען זיך פערלאָזען אויף לײַטען, אָדער אָנקומען צום בית-דין, אָבער מען טאָר זיך נישט ווענדען צו דער גוי'אישער מאַכט און צו איהרע ריכטער. אַן אַזאַ פּרינציפּ האָבען זיך יודען פעסט געהאַלטען. וואָרום זיי האָבען גוט געוואוסט, אַז ווען מען זאָל די אײַנגעאָרטיגע יודישע לעבענס-אָרדנונגען, זיטען און אינגעלוכע בעציהונגען אַרויסברענגען פאַר די פרעמדע, פרײַנדליך און פערדעכטיג-געשטימטע ריכטער, קאָן דאָס פיהרען צו די גרעסטע בלבולים און אומגליקען פאַר דעם יודישען כלל.

„פון חדר טאָר מען נישט אויסזאָגען!" — אַזוי האָט געלערנט די אַלטעגליכע יודישע ווירקליכקייט מיט איהרע ביטערע ערפאַהרונגען. און ווער עס האָט געהאַנדעלט געגען אָט דעם לעבענס-פּרינציפּ, יענעם האָט מען בעטראַכט פאַר דעם ערגסטען, שעדליכסטען פײַנד פון זײַן אײגענעם פאָלק. ווײַל ווען אַפילו ער האָט פער'מסר'ט נאָר אַן אײנצעלנעם יודען, האָט ער מיט דעם געשטעלט אין געפאַהר דעם גאַנצען יודישען כלל. עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ צווייטען בעגריף, וואָס זאָל אַרויסרופען בײַ יודען אַזאַ טיפע פעראַכטונג און האַס, ווי דער בעגריף „מוסר". און דאָך האָבען צווישען יודען קײנמאָל נישט געפעהלט קײן מוסרים. די יודישע רעכטלאָזיגקייט, די שרעקליכע אָרימקייט, די מורא'דיגע בעדריקונגען און פערפאָלגונגען — דאָס אַלץ האָט בעשאַפען אַ פּאַסיגען באָדען פאַר דער מכה פון מסירות. וואָס שווערער עס איז געווען דער אויסערליכער דרוק, אַלץ מעהר מוסרים האָט פערמאָגט די יודישע גאַס. די פינסטערסטע צייט פאַר יודען אין רוסלאַנד איז געווען די לעצטע העלפט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטענ'ס ממשלה און די צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטען. אין יענע יאָהרען האָט [illegible] די פּלאָג פון מסירות דערגרייכט בײַ יודען דעם העכסטען גראַד, די גרעסטע, שעדליכסטע, סאַמע אָפטע יודישע מסירות און די פערבינסענסטע יודישע מוסרים געהערען צו דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען און ניקאָלאַי דעם ערשטען.

געגען וואָס זענען געווען געווענדעט די יודישע מסירות? אויף דעם וואָלט מען, לויט דעם יודישען שטײגער, געקאָנט ענטפערן מיט דער פראַגע: אויף וואָס האָט מען נישט גע'מסר'ט? נישטאָ, דוכט זיך, די זאַך בײַ יודען, וואָס זאָל נישט האָבען אַרויסגערופען קײן מסירות. אויף ניקאָלאַי דעם ערשטען דערצעהלט מען, אַז ער האָט נישט געגלויבט אין דעם בלבול, אַז יודען געברויכען קריסטליך בלוט. וואָרום ווען די זאַך זאָל טאַקי אַזוי זײַן — האָט ער ערקלערט — וואָלטען זיך צווישען יודען געווים געפינען גענוג מוסרים, וואָס וואָלטען ווענען דעם געמעלדעט דער רעגירונג. ס'איז אונמעגליך פעסטצושטעלען, צי האָט ניקאָלאַי ווירקליך געזאָגט די ווערטער. נאָר אַז דער געדאַנק, וואָס ליגט אין זיי, איז פולקאָם ריכטיג, אין דעם איז נישטאָ קײן שום צווייפעל. מען קאָן קוים געפינען אַזאַ ווינקעל אין אַמאָליגען יודישען לעבען, אַזאַ צווײַג פון יודישער אַרבײַט, וואָס אונזערע מוסרים האָבען נישט בעריהרט. ווי פערשיידענאַרטיג עס זענען אָבער נישט געווען די פאַרצײַטיגע יודישע מסירות, האָבען דאָך עקזיסטירט געוויסע אַנגעלעגענהייטען, מיט וועלכע די יודישע מוסרים פלעגען זיך בעזונדערס אָפט און פלײַסיג פערנעמען. מיר וועלען דאָ אין קורצע ווערטער אָנווײַזען אויף זיי.

אַ גרויסען אָרט אין די אַמאָליגע מסירות פלעגען פערנעמען דער ענין „נעלמים". אַזוי האָט מען פאַרצײַטען גערופען יענע יודען, וואָס זענען נישט געווען פערשריבען אין די „רעוויזסקע סקאַזקעס", דאָס הײסט אין די רעגיסטערס פון דער בעפעלקערונג. אָפיציעל, הײסט עס, האָבען זיי גאָרנישט עקזיסטירט. די הײליגע פּראַקטיקעס וואָס די רוסישע רעגירונג פלעגט נעמען ספּעציעל פון יודען, האָבען געבראַכט דערצו, אַז די צאָהל „נעלמים" איז שטענדיג געווען זעהר גרויס. לויט אַן אָפיציעלער ידיעה האָבען זיי אין יאָהר 1819 בעטראָפען מעהר ווי 130 טויזענד נפשות.

די צאָהל „נעלמים" האָט זיך נאָך פיל פערגרעסערט, נאָכדעם ווי עס איז אין יאָהר 1827 אײַנגעפיהרט געוואָרען פאַר יודען דער מיליטער-דינסט, די האַרבע 25 יאָהריגע רעקרוטשינע (נעמען נײַע סאָלדאַטען). ניקאָלאַי'ס רעגירונג האָט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט געמאָנט פון יודען די פּראַקטיקעס און דעריבער האָט זיך שטענדיג געמיהט אויסצוגעפינען די „נעלמים". די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר פּינקטליך צושטעלען פּראַקטיקעס און רעקרוטען איז געלעגען אויף די יודישע קהלות. פאַר יעדע נישט-דערגרעבענע צוויי טויזענד רובעל האָט די רעגירונג גענומען פון יודען אַ רעזערוו-קאַנטאָנים רעקרוט, און פאַר יעדען פעהלענדען רעקרוט — נאָך דרײַ דערוואַקסענע רעקרוטען. די פאַרשטעהער פון די יודישע קהלות, האָבען זיי אַפילו נעמענט זײַן עלטערע לײַט, האָט מען פאַר אונפּינקטליכקייט אָפּגעגעבען פאַר סאָלדאַטען. אַ חוץ דעם האָט נאָך פאַר פעהלענדע רעקרוטען געקומען געלד-שטראַף, וואָס פלעגט ווידער פאַרגרעסערט ווערען אין שטראַף-רעקרוטען, א.א.וו. עס איז געווען ווי אַ מין שנײַבאַלעם. וואָס האָט געהאַלטען אין אײן וואַקסען.

פון צײַט צו צײַט האָט די רעגירונג אײַנגעווענדעט אויסערגעוועהנליכע שטראַפען, אים אויפצומאַהנען די חובות. מען פלעגט די שטאָט אַרומרינגלען מיט סאָלדאַטען, וואָכען-לאַנג קײנעם נישט אַרויסלאָזען, מאַכען הויז-אונטערזוכונגען, כאַפּען יודען אויף די גאַסען און אָפּגעבען פאַר סאָלדאַטען. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע שטרענגקייטען, זענען די יודישע חובות אין רעקרוטען און פּראַקטיקעס פון יאָהר צו יאָהר געוואָרען אַלץ גרעסער. אין וויפיל די קהלות האָבען זיך נישט געמאַטערט, האָבען זיי נישט געהאַט קײן מינדעסטע האָפנונג, ווען עס איז פּטור צו ווערען פון דעם שרעקליכען האַרב, וואָס איז אַלץ געוואַקסען. עס איז דעריבער אונבריג צו ערקלערען, וואָס פאַר אַ מורא'דיגען שאַדען עס פלעגען ברענגען די מסירות ווענען „נעלמים", דורך וועלכע די צאָהל געלד-חובות און שטראַף-רעקרוטען פלעגט זיך נאָך פיל פערגרעסערן.

(דאָס ווײַטערע קומט)



לכבוד דעם 200 יאָהריגען יוביליי פון גרויסען קאָמפּאָזיטאָר האָט די עסטרײַכישע רעגירונג אַרויסגעגעבען צוויי-שילינג-מטבעות מיט הײַדנ'ס בילד

מיר זענען קינדער צאַרט און קלײן, די אײגעלעך אָפען די הערצעלעך רײן. יצחק קאַצענעלסאָן.	„לאָדזשער טאָגעבלאַט" פאַר קינדער ספּעציעלע בײַלאַגע פאַר אונזער קלײנוואַרג	ערשײַנט יעדען פרײַטאָג צוזאַמענגעשטעלט דורך ש. ראָזענשטײן

א פאר וו[illegible]ער

צו אונזערע ליבע לעזער.

מיר זענען טיף געריהרט פון אײַערע

מיר זענען טיף געריהרט פון אײַערע צוגעשיקטע צום אָנגעפיהרטען אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט" אַ ספּעציעלע קינדער-בײַלאַגע.

ווי איהר זעהט, זענען מיר נאָכגעקומען אײַער בקשה און יעדען פרײַטאָג געפינט איהר אויף דעם זעלבען פּלאַץ אײַער צײַטונגעל.

מיר, פון אונזער זײַט, וועלען זיך געבען מיה צו מאַכען אײַער צײַטונגעל אינטערעסאַנט און אָנציהענד דורך אַ פערשידענאַרטיגען לײענ-שטאָף.

פאָרלויפיג זענען מיר נישט אומשטאַנד צו דרוקען אַלע אײַערע וואַרימע בריוועלעך צום אַמאָל. אין יעדען נומער וועלען אײניגע פון זיי פערעפענטליכט ווערען.

שרײַבט אונז, ליבע קינדערלעך, וועגען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר בײַ אײַך, בײַ אײַך אין שטוב, אין שול, חדר און אין גאַס. שיקט אונז אויך צו מעשה'לעך און לידעלעך. מיר וועלען מיט פערגניגען געבען פאַר אַלץ אַ פּלאַץ אין דער קינדער-בײַלאַגע.

שרײַבט רײן און מיט טינט און נאָר אויף אײן זײַט פון פּאַפּיר.

די רעדאַקציע
פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט פאַר קינדער".

בריוועלעך פון אונזערע קלײנע לעזער

I.

טײַערע רעדאַקטאָר פון „ל. ט. פאַר קינדער":

שוין לאַנג האָב איך נישט געהאַט אַזאַ פרעהליכען פּורים, ווי דאָס יאָהר. די מאַמע האָט מיר געקויפט אַ פײַנעם גרעגער, דער זײדע האָט מיר געשיקט אַ שײנעם שלח-מנות. מעהר פון אַלץ האָב איך אָבער הנאה געהאַט פון אײַער שײנער פּורים-בײַלאַגע. איך לערן אין אַ „פאָלקסשולע" שולע, אָבער יודיש לײענען קען איך און „לאָדזשער טאָגעבלאַט", וועלכען דער טאַטע קויפט אַלע טאָג. איך וואָלט זעהר אין זעהר וועלען אַז אַלע וואָך זאָל זײַן אַזאַ בײַלאַגע פאַר קינדער.

יהודה גאָלדבערג

דאָס ביכעלע...

דאָס ביכעלע, דאָס ביכעלע,
איז בעסער פאַר אַ קיכעלע,
איז בעסער פאַר אַ לעקאַכ'ל
פון האָניג און פון ווײַן.

דאָס ביכעלע איז דאָך טײַער,
עס מאַכט דאָס לעבען פרײַער,
אַ טרײסט געפינט דאָך יעדערער,
ווער ס'קוקט אין איהם אַרײַן...

דאָס ביכעלע
ער רײניגט אונז,
ער הײליגט און
פעראײניגט אונז.
מיט לענדער, שטעט
און שטעטלעך,
און פעלקערלעך בײַנאַנד.

דאָס ביכעלע, דאָס ריכטיגע,
דאָס איז אַ זײַל, אַ ליכטיגע,
וואָס פיהרט דעם קלײנעם
וואַנדערער
צום גאָט-געבענטשטען לאַנד...

לײבעלע בערמאַן

פאַרוואָס איז איהם וואַרעם?

בערעלע, דעם גביר'ס יונגעלע, איז אין אַ גרויסען פּראַכט געגאַנגען אין גאַס, אָנגעטאָהן אין אַ וואַרעם פוטערל. טרעפט ער אויפ'ן וועג, געהענדיג אין חדר, דעם שוסטער'ס יונגעלע, כאַצקעלען, אָפּגעריסען, אין אַ לײַכט יופּיצעלע. וואונדערט זיך שטאַרק בערעלע און מאַכט צו איהם:

— זאָג מיר, כאַצקעלע, ס'איז הײַנט אַזוי קאַלט, אַז איך פריהר אַזש אין מײַן פוטערל, און דיר, אין דײַן לײַכט יופּיצעל איז נישט קאַלט?

ענטפערט איהם כאַצקעלע:

— דו, בערעלע, האָסט אַ חוץ דײַן פוטערל נאָך אַ סך אין דער הײם אָנצוטאָן, און טראָגסט נאָר אײנס דערפון אויף זיך — דערפאַר איז דיר קאַלט. איך, אָבער, האָב אין דער הײם מעהר גאָרנישט און טראָג אַלץ וואָס איך האָב, אויף זיך, — דערפאַר איז מיר טאַקע וואַרעם.

ק. מעלער.

קלוגע ווערטער וועגען נאַראָנים

1) אַ נאַר איז אַן [illegible] צער.
2) אַ נאַר איז אַ האַלבער נביא.
3) פאַר אַ נאַר ווײַזט מען נישט קײן האַלבע אַרבײַט.

אײדער מיט אַ נאַר צו געפינען.

5) אַז אַ נאַר וואַרפט אַ שטײן אין וואַסער — קאָנען איהם צעהן קלוגע נישט אַרויסנעמען.

פאַרוואָס לויפען וואָלקענדלעך אַרום דער לבנה?

(אַ מעשה'לע)

אַמאָל האָט אַ פּאַסטוך געפּאַשעט זײַנע שעפּעלעך אין פעלד. פּלוצלונג איז געקומען אַ שטורם פון ים, האָבען זיך די שעפּעלעך שטאַרק דערשראָקען און אָנגעהויבען לויפען, וואוהין די פיס האָבען זיי געטראָגען. געלאָפען איבער בערג און טאָלען, בעת זיי זענען געקומען אין אַ וואַלד, האָבען זיך די בוימער אָנגעהויבען שטאַרק שאָקלען און די שעפּעלעך זענען געלאָפען פון בוים צו בוים, זוכען אַ בעהאַלטעניש פאַר זיך.

דער ווינד האָט זיי געצויפּט און געריסען און שיער נישט אַראָפּגעריסען פון זײַער צאַרטע פעל. דער וואַלד איז אײַנגעהילט געוואָרען אין אַ גרויס פינסטערניש און צווישען דער שוואַרצקייט פון די בוימער האָבען די שעפּעלעך זיך געלויכטען, ווי ווײַסע שנײעלעך.

האָבען די שעפּעלעך זיך צעוויינט, ווי קלײנע קינדערלעך, אָבער קײנער האָט נישט געהערט, ווי זיי ווײנען. אַלע קינדערלעך זענען שוין געשלאָפען אין זײַערע וואַרעמע בעטעלעך און גאָרנישט געוואוסט, אַז ערגעץ-וואו לויפען אַרום שעפּעלעך און ציטערן פאַר שרעק און קעלט. נאָר די גוטע לבנה האָט פערנומען דאָס געוויין פון די אָרימע שעפּעלעך, האָט זי דורכגעבראָכען דעם גרויסען הימעל און זיך אַוועקגעשטעלט, ווי אַ לויכטיגע לאָמפּ אָנצוקוקען די פערבלאָנדזשעטע שעפּעלעך און האָט געוואָרפען צו זיי לאַנגע זילבערנע שטראַהלען. האָבען די שעפּעלעך דערזעהען אַ וועג אַרויף און גענומען אַרויפקריכען צו דער גוטער לבנה.

ווען זיי זענען שוין געווען נאָהענט צום הימעל, איז זיי געוואָרען זעהר קאַלט, האָבען זיי גענומען אַרומלויפען אַרום דער לבנה און ביסלעכווײַז זענען זיי פערוואַנדעלט געוואָרען אין ווײַסינקע וואָלקענדלעך.

פון דעמאָלט אָן קאָנען אַלע קינדערלעך זעהען די ווײַסינקע שעפּעלעך, וואָס לויפען אַרום דער לבנה.

מלכה ל.

דער ווינט

אײנמאָל איז געווען אַ פערוואָלקענטער טאָג. שוואַרצע כמאַרעס האָבען זיך צושפּרייט איבער'ן הימעל און איהם טונקעל געמאַכט.

קענען קינדער נישט געהן אין דרויסען זיך שפּילען. זיצען זיי אין שטוב און ס'איז אומעטיג. קוקען די קינדער דורכ'ן פענסטער און זינגען אַ לידעלע:

ווינד, ווינד, טו אַ בלאָז
איבער בוים און איבער גראָז.
טרײַב די וואָלקענס שנעל אַוועק,
ווײַל ס'איז אומעטיג, אַ שרעק!

דערהערט דער ווינד דאָס לידעלע, טראַכט ער: די קינדער זענען טאַקע גערעכט, אָט וועל איך זיי ווײַזען, די פינסטערע וואָלקענס, וואָס איך קען.

האָט זיך דער ווינד באַלד געגעבען אַ לאָז אַרויס איבער'ן דרויסען מיט אַזאַ געשרײ און געפּילדער — אַז די פענסטער און די שטובען האָבען אַזש גענומען ציטערן.

דער ווינד האָט געשמיסען מיט זײַנע ברייטע פליגעל איבער'ן גאַנצען הימעל. האָבען זיך די וואָלקענס דערשראָקען און גענומען לויפען. לויפען זיי אַזוי איבער'ן הימעל שנעל-שנעל און דער ווינד יאָגט זיי און יאָגט זיי אָהן אויפהער. ווערט דער הימעל געוואָרען אַלץ אויסגעלײַטערטער און העלער. האָט זיך די זון בעוויזען און אַרויסגעשיקט איהרע שטראַהלען איבער'ן גאַנצען דרויסען.

האָבען זיך די קינדערלעך זעהר דערפרעהט און אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס מיט אַ געזאַנג:

ווינד, ווינד, גוטער ווינד!
קאָנסט שוין שלאָפען געהן אַצינד.
לעג זיך מיט'ן הימעל צו,
שלאָף געזונד, דו גוטער רו.

א. ק. גלאַזער.

נעבעך פערגעסען...

פּעסעלע האָט געשריבען אַ בריף צו איהר חבר'טע שרה'לע. צום סוף פון בריף האָט זי אַזוי געשריבען: ענטשולדיג מיר, טײַערע חבר'טע, וואָס כ'שיק דיר דעם בריף אָהן אַ פּאָסט-מאַרקע. איך האָב פערגעסען פריהער צו קלעבען אַ מאַרקע. ערשט נאָכדעם, ווי כ'האָב די בריף אַרײַנגעוואָרפען אין קעסטעל, האָב איך זיך דערמאָנט. דאָס צווייטע מאָל וועל איך דערפאַר צוקלעבען צוויי מאַרקעס...

פערווײַלונגס-ווינקעלע

פלײַסיגע שילער

I

שילער: צי קאָן מען בעשטראָפען אַ מענשען פאַר אַ זאַך, וואָס ער האָט נישט געטאָן?

לעהרער: אודאי נישט.

שילער: אויב אַזוי, דאַרף איך אויך הײַנט נישט, אויסגעלערנט די לעקציעס...

II

פאָטער: וואָס האָסטו, זוהן מײַנער, הײַנט געטאָן אין שולע?

קינד: כ'האָב געוואַרט, אַז די לעקציעס זאָלען זיך וואָס גיכער ענדיגען...

געטראָפען

יאָסעלע: פאַרוואָס איז בײַ דײַן טאַטען די האָר פון קאָפּ גרויע און די באָרד אַ שוואַרצע?

משה'לע: חכם וואָס דו ביזט, די באָרד איז דאָך יונגער מיט צוואַנציג יאָהר...

רעטענישען

I

ווײַסע סחורה
שוואַרץ געניײט,
וואוהין מ'שיקט עס —
רעדט עס רײד.

II

אָהן אַ האַק און אָהן דענר,
אָהן אַ דאַך און אָהן ווענד
אָהן פענסטער, [illegible]

שאַראַדע רעטעניש

איך בין אַ חודש אויף לשון קודש
און יודיש—שלאָגט און מיר דײַן בלוט
און מיט אַ „יוד" אין אָנהויב קוויטש זיך —
ווען אַ פוילען נים צוקנאַקסטו גוט.

לעזונג פון די רעטענישען אין ל. ט. נר. 73:

1) אַ בוך, 2) אַ ווינט-מיהל.

געטראָפען די רעטענישען האָבען:

חיים שײַנפעלד, יעקב דיקמאַן, אסתר פּאָזנאַנסקי, יהודית בלאַט, משה וואַידיסלאַווסקי, שולמית שטערן, הענריק אָפּענהײם, משה צוקער, גיטל בערעזאָווסקאַ, צביה גראַבאָווסקאַ, מענדל ווײַס, פראַנעק בלײַוויס, שפרה רוזשיצקאַ, חיים העכט, משה מאַראַקאַ, מענדעל לעווין, גאָלדוואַסער, שמעון פּיקס, יחזקאל פּיגגעהוים, שמואל גאָלדקאָרן, פנינה בינעשטאָק, מניה קאַרטעצקאַ, משה גווירצמאַן, יהודה גאָלדבערג, פּאָלאַ וואַרשאַווסקאַ, חיים פּודרא, אליעזר האָמער, רינה און משה ראָזענצווײַג, שולמית שטערן, בערעק בלעווס, רוזשאַ גאָלדפאַרב, מינאַ קאַרטעצקאַ און מרדכי שליבקה.

די נעמען פון די קינדער, וואָס [illegible] צוגעשיקט ריכטיגע לעזונגען פון די רעטענישען, וועלען פערעפענטליכט ווערען [illegible] קומענדיגע פרײַטאָג. די לעזונגען [illegible]

חוזק

הומאר און סאטירע · לכבוד שבת ·

לאכט און ביימט,
מאסקעס רייסט
מיט שפאס און וויץ
און פעדער-שפריץ

וואר-קלאנגען

פון גראה קאלי

איז לאנד פון מאמעליגע

אויך רומעניען פאלט וואס טיפער
אין דעם אפגרונט פון הפקרות
ווי אמאל, אין מיטעל-אלטער,
ברענט מען דארטען ספר-תורה'ס...

ווידער הערט מען יודען זיפצען,
אין דעם לאנד פון מאלדעוואנעס,
ווידער „הוליען" און ראבירען
די סטודענטען-כוליגאנעס'

יא, דאס לאנד פון מאמעליגע
האט אויף דעם שוין א חזקה.
נאך איז נישט דאס בלוט ענטשוויגען
פון דער שחיטה אין סאראקע...

אך די כוואליעס פונ'ם דניעסטער,
ווען זיי וואלטען קענען ריידען,
וואלט די וועלט גאר פיל דערוואוסט זיך
פון „רומענישען גן-עדן"...

איין זאך, אבער, ליבע ברידער,
יא, איך קאן אייך שווערען: כ'לעבען,
אז ס'וועט קומען צו „הלוואות",
וועלען יודען ווייטער געבען...

דער טאנץ פון דאלאר

אין אמעריקא — רבותי
הערט מען דונערן און קנאלען:
ס'האט זיך דער „פרינץ פון דער וואלוטע"
מיט א קראך גענומען פאלען...

יא, דער דאלאר איז א יורד
און ער פאלט מיט יעדער רגע,
ווי אמאל דער „פונט", בשעתו,
ער, זיין מעכטיגער קאלעגע...

פאלט דער דאלאר — ווערט א שטורעם,
ווערט א פאניק פול מיט שרעקען.
טרייסלען זיך די גרעסטע בערזשעס
אויף דער וועלט פון אלע עקען...

מילא, זאל דער דאלאר פאלען,
ס'איז דער אומגליק נישט קיין גרויסער,
ערגער, וואס אין לאנד פון „יענקי"
פאלט די צניעות... פאלט דער יושר...

מעהר ווי ס'פאלען פון דאלאר
איז דאך שרעקליכער די סבה,
וואס אמעריקא האט פערלוירען
איהר געפיהל פאר מענשען-ליבע...

לעצטע לאדזשער נייעס

לאדז דעם 1. אפריל.

אויף פעטרוקאווער גאס האט מען גע-
זעהען א חסיד'ישע טאלמער נישט גע-
מאלעוועט און געטראגען א קליד פון
אויבער די קנוה.

ביי א רוגען רעיענט איז געווארען
אויסגעלייזט א וועקסעל אהן פראטעסט.
אנ'אויפגעקומענער גביר האט געגעבען
א גרעסערע נדבה אויף פסח-הולף און
נישט געהייסען פערעפענטליכען אין די
גאזעטען.

מען האט ארויסגערופען צו א קראנ-
קען א דאקטאר פון דער קאסע בגוריך
און ער איז אין זעלבען טאג געקומען.

די לאדזשער קהלה האט בעשלאסען
היי-יאהר אלע נוימבעדערפטיגע, וואס זיי-
נען פערערגיסטרירט, פונקטליך צו בער-
ליענגען.

אויך האט מען ביי דער זיצונג נישט
געהערט זיך קריגען און זידלען.

א גרויסע לאדזשער גבירים האבען בע-
שלאסען צו העלפען בויען א יודיש טעא-
טער.

א טאטערן לאדזשער ווייבעל האט מען
געטראפען און קיינא מיט איהר איינגע-
נעם מאן.

ביי א קאנטראל אין „פילהארמאניע"
האט מען געטראפען א טעאטער-בעזוכער
זיצען אויפ'ן פלאץ פון זיין בילעט.

א לאדזשער מחותן האט געסילוק'ט דעם
נדן פאר דער חופה וויפיל ער האט צוגע-
זאגט.

א גאליציאנער סוחר האט גענומען א
פעקעל און בעצאהלט מזומן.

דער לאדזשער מאגיסטראט האט בע-
שלאסען ארייניצוגעהן אין דער לאגע פון
די ראונירטע סוחרים.

קנאפו.

וואס יודען זאגען...

זאגט א יוד: איך האב זיך געשטע
דערוואוסט דעם רוכטיגען טייטש פון
„ויצא חנם אין כסף". דאס הייסט, אז
מען נעהמט היינט ארויס אין גאס צווישען
קראמען איז כמעט אליין בחנם. אבער
וואס איז די פעולה, אז „אין כסף", אז
עס איז נישטא קיין געלד, פארוואס צו
קויפען.

און א צוויטער יוד מיינט, אז טראצ-
קי'ס ערקלערונג, אז סטאלינ'ס מאכט
שאקעלט זיך, האט טראצקי געמאכט זי-
צענדיג אין א שאקעל-שטוהל.

און א דריטער יוד, א גאנצער דופלא-
מאט, דיפלאמאטיזירט אזוי: דער אמת
איז, אז יאפאן וויל נישט נעמען כינא.
וואס זי וויל, איז בלויז נעמען די באהנען,
די פארטען, די מינעראל-גרובען, די באנ-
קען און די געשעפטען!...

און א פערטער יוד מיינט, אז דעם מאן,
וואס האט זיך דערשאסען, פריי זיין ווייב
זאל קריגען 285 טויזענד דאלאר אסע-
קוראציע, וואלט מען אין גיהנום אלס
שטראף געדארפט אוועקזעצען געגען א
גרויסען שפיגעל, ער זאל פסדר קוקען און
זעהען, וואס פאר א שוטה ער איז גע-
ווען...

און א פינפטער יוד מאכט אזא פער-
גלייך: דער חילוק, זאגט ער, צווישען
אמאל און היינט איז זעהר גרויס: אמאל
צו אונזער איז געגאנגען שלעכט אויף
דער וועלט, האט ער זיך געווענדעט איי-
בען צום הימעל... היינט, ווען אונזער איז
נישט גוט אויף דער וועלט, ווענדט ער
זיך צו דער אונטערוועלט...

אויפ'ן שפיץ פעדער

רוסלאנד זוכט נישט קיין טעלעגיקער —
זאגט דער „אטמארג". אז יא זוכען, איז
שוין בעסער — דאלארען, פאר וועלכע
מ'קאן קריגען אויך טעלעגיקער.

ענגלאנד געהט שפארען 135 מיליאן
דאלאר פון איהר ארמעע היינטיגעס יאהר.
די אנפיהרער פון די רעוואלוציאנערען
אין אונדיען דארפען זיך געפינען פעלי-
דיגט פון דעם.

יאפאן און כינא האבען זיך שוין אוי-
בערגעבעטען, און, ווי אמת'ע ברידער,
האלטען זיי זיך שוין אינגער דעם צו-
רען ארום האלז...

א דאקטאר האט ענטדעקט, אז פון צו-
פיל ראנה'נען, קאן א מענש קריגען א
שלעכטען מאגען.

וואס מיינט איהר? אויב דער קריזיס
וועט נאך לאנג אנהאלטען, וועלען רייכות
זיין די איינציגע „שפייז", מיט וועלכער
מען וועט זיך פערדארבען דעם מאגען
און פוילען...

פון בערלינער „פארוערטס":
„קאן זיין, אז די גאנצע רעפאטע זעי-
נען ענטוואפנונג, וואס די פעלקער-ליגע
פיהרט, איז נישט מעהר ווי א וויץ. אבער
ס'איז א גוטער וויץ".

די פעלקער-ליגע שטיצט אמעריקא'ס
פאליטיק וועגען כינא. וואס מיינט, אז
זי וועט בלייבען בעם רעדען זעהר פאר-
זיכטיג און טון — גארנישט.

א פאטאגראפישע קאמערא פון 85 פונט
איז געמאכט געווארען פאר די לקוי חמה
פון קומענדיגען אויגוסט.

די זון איז צו שעהן, איהר צו קאנען
צוזעהען.

מיר גלויבען נישט און דער נייער
טעאריע, אז ליכטיגקייט בעשטעהט פון
„אויפגערעגטע אטאמען". אפילו אנ'
אטאם קאן אויך אויפטון מעהר, ווען ער
איז געלאסען.

ד.

א תפילה

פאר דעם, וואס צעבט זיך א גאשעם
און נעמט ארויס א פאטענט.

רבונו של עולם! בעהיט מיך פאר א
שלעכטער שאצונגס-קאמיסיע, גיב מיר
כח אויסצוהאלטען די שטייערען, זעה,
כ'זאל נישט קריגען קיין הארץ-פערזעלער-
פון די סעקוועסטראטארען, פראטעסטען
און אנדערע אנשוקעניעס. בעהיט
מיך פאר גאליציאנער פעקעל-געטער און
זעה, כ'זאל צום יאהר נישט דארפען זיך
איינפאקען, ונאמר אמן. קנאפו.

ער האט קיין ליגען נישט געזאגט

מחותן: איהר האט געזאגט, אז דער
חתן טאכט גלענצענד. דערווייל קאן ער
דאך נישט פערדינען קיין גראשען.

שדכן: איך האב נישט געזאגט קיין
ליגען. ווען איך האב איהם אמיד גע-
שדכנ'ט, איז ער געשטאנען אין גאס און
געפוצט שיך.

ער ווייסט, אז ער פליהט

— זאג מיר, וועלוועל, וואס איז דאס:
ס'האט 4 פיס און ס'פליהט?

— יא, כ'ווייס: ס'איז א בענקעל!

— געה שוין, נארעלע, א בענקעל
פליהט דאך נישט.

— אזוי? אז מיין מאמעשי ווארפט
דעם טאטעשי א בענקעל, פליהט עס ניט?

קנאפו.

ער ווייס, פארוואס

א גרויסער דאקטאר האט ערקלערט,
אז אין פוילען ווערען וועניג געמאכט
אפעראציעס אויף דער „בלינדער קיש-
קע".

דאס ערקלערט זיך מסתמא דערמיט,
וואס דער שטייער-אמט נעמט ארויס אלע
קישקעס, מכלא אויך די „בלינדע קיש-
קע"...

יהודה [illegible]

צווישען סוחרים

— ווי געהט עפיס ס'געשעפט?

— שלעכט, נישטא וואס צו טון.

— נישט געזאגט. נאך פסח וועט זיין
מעהר צו טון.

— ?

— צו באצאלען פלאגען און הינ'ענען וכו'...

קנאפו.

דעם 1-טען אפריל טאג מען

רב: וואס האט איהר צו אייער ווייב?

— איך קאן נישט מיט איהר וואוינען.
איך בין געקומען פון גאס, האב איך זי
געטראפען מיט'ן סוב-לאקאטאר, ווי זי
האט מיך גענארט.

רב: נו, און איהר וואס זאגט?

פרוי: ס'איז היינט, רבי, דער 1. אפ-
ריל מעג מען גענארען.

קנאפו.

א פערזארגטער

— וואס הערט זיך עפיס ביי דיר,
משה?

— מיט פרנסה בין איך שוין פערש-
וארנט...

— רחמנו?!

— ב'געה ארום גאנצע טעג „פערש-
וארנט"!...

א נאש-ברא

די מכביאדע

הערט, רבותי, נישט גע'דאגה'ט,
האט נישט, ברידער, קיין דאסדע,
איז תל-אביב אויפגעעפענט
האט מען שוין די „אלימפיאדע"...

ס'וועט די וועלט דארט טון א יודען
זעהן א מוסטער גאר א נייעם:
אז א חוץ דעם „קול קול יעקב",
האט ער אויך א פאר ידים...

נאר ידים, ליבע ברידער,
ווענט פאר דער וועלט א סחורה.
ס'איז איהם נעהנטער, פערשטענדליך
מעהרער נאך ווי איינשטיינ'ס תורה...

פאר א דעמפסי, פאר א שמעלינג
האט די וועלט סימפאטיע מעהרער,
ווי פאר טויזענד פראפעסארען,
גאנצע „וועלטען-איבערקערער"...

יא, אויף אלערליי געביטען
האבען יודען פיל תנאים;
אבער שלאגען, ליבע ברידער,
לאמיר לערנען ביי די גוים...

* * *

יא, פון אונזער ארץ-ישראל
הערט זיך שעהנע ליבע גריסען...
די טוריסטען — ווי די כוואליעס,
טוען איצט דאס לאנד פארפליסען.

יו'ט'עלאר — פון אלע זייטען
זיינען איצטער עולה רגל —
ווער עס קומט אהין מיט שיפען,
ווער מיט באהנען, ווער מיט וועגעל...

ווער עס קומט אהין בעטראכטען
און א ביסעל נחת קלייבען,
ווער עס קומט אהין אויף סטאלע,
שוין אויף שטענדיג צו פערבלייבען.

גוט צו פייערן דארטען פסח
ביי דעם „ירדן" ביים חדקל
ס'ווערט אין הארצען דארט דער „חמץ"
אויסגעריינינגט ביז א ברעקעל...

ביי דעם סדר אין תל-אביב,
איז מען דארטען זיך מהנה,
דארטען קען מען ערשט דערפיהלען
אט דעם טייטש פון „מה נשתנה"...

מה נשתנה? ווי פערענדערט!
איז פערלויף פון א פאר יאהרען,
איז אויף זאמדען, וויסט און קלעגליך,
א גן-עדן-שטאט געווארען...

גראה קאלי

ער קלייבט אויס די מלענערע צרה

— ריין כלה האט טאקע א סך געלד,
אבער אז די וועסט זי דינראטען, וועסטו
מוזען אויפהערען רויכערן און טרינקען.

— אבער, אז איך וועל זי נישט חתונה-
הען, וועל איך מוזען אויפהערען עסען.

נייע פערגלייכונגען

ער הערט איהם — ווי יאפאן די פעל-
קער-ליגע.

ער פערדערבענט זיך — ווי סאוויעט-
רוסלאנד מיט איהרע פינף-יאהריגע פלע-
נער.

ער איז אזוי פערנומען — ווי דער
שניידער, וואס נעהט פאר נאגרי'ן.

ס'איז נישט יום-טוב'דיג...

(בריוועלעך פון נענשא-גאס)

פון יוסף פערלמוטער

ידידי! די זון שיינט, דאס וועטער איז
פרוקען. ס'איז שוין אריבער א פורים און,
להבדיל, אויך די חגאות און ביי אונז איז
עפים וויטער נישט פויגעלדיג...

נאר אזא לאנגען, שווערען ווינטער,
וואס האט אונז להכעיס פערפיהרט, האט
בען מיר געהאפט אויפ'ן פאר-תנאות-סעזאן,
אבער ס'האט זיך אויסגעלאזט מיט
גארנישט. ס'איז נאך ספק-תפל צוויי וואכען
צו יום-טוב, האבען מיר זיך גע-
פראגט: אפשר, אולי ירחם... אבער דער-
ווייל וויזט זיך עפים נישט דער ריכטי-
גער פדיון און אפילו, אז ס'וועט זיך
שוין יא עפים ווייזען, קאן דאס אויך קיין
גרויסע גליקען נישט געבען, ווייל דער
יודישער קונה איז קיינמאל נישט געווען
דער ריכטיגער קאנסומענט, וואס זאל
קאנען מכלא זיין דעם סוחר'ישען אפעטיט
צו פדיון, כ'זאל הייסען געלייזט...

איך געדענק נאך דעם ביטול, וואס
האט זיך בעוויזען ביי מיין פאטער, ע"ה,
אויף די ליפען, ווען עס פלעגען צו אונז
אין געשעפט קומען יודישע קונים. סך-
הכל האט מיין פאטער געפיהרט א מא-
נופאקטור-געשעפט דרייסיג יאהר אויף
איין און דעמזעלבען מקום און א קרישטע-
ליכער נגנגער און האט געמאכט א גאנץ
שעהן לעבען. נאר אז ס'זענען אריינגע-
קומען יודישע קונים, פלעגט דער טאטע
זיי איבערווייזען צו דער מאמען, ווייל
ער האט נישט געהאט קיין געדולד און

קיין כח און קיין צינג צו פערברענגען
ביי יודישע קונים. ערשטענס, פלעגט דער
טאטע טענה'ן, טויגען זיי נאך גארנישט
צו קויפען, נאר זעהען, וואס ס'געפינט
זיך און געשעפט און, סוף כל סוף, אז
ער וועט שוין אנווארפען פולע טישען
מיט סחורות און וועט זיך אנרערען גוט
כ'הארץ, וועט ער אחרי ככלות הכל לוי-
זען קוים... א פרוטקעלע...

והשניות — פלעגט דער טאטע זאגען
— אז ער וועט שוין אפילו יא לויזען פון
יודישע קונים, וועט ער אויך גארנישט
האבען. ס'איז די מעשה, ווי מיט יענער
אויפגאבע, וואס מען פלעגט פרעגען, ווען
מיר זענען געווען קינדער: נעהם דיר
עפים א צופער און זינגען אריין! „כ'זאב
שוין". „א העלפט ווארף און וואסער
אריין... גיב אפ דער ווייב איהר חלק...
א.א.וו. ביז ס'איז געבליבען... א גארנישט.
פונקט אזוי פלעגט אויך זיין מיט די יו-
דישע פדיונים, ווייל פון וועמען רעקרוי-
טירט זיך דען ווירקליך דער יודישער
קאנסומענט? פון מלכה הדס'ל, די שפיין
קרעמערין, אדער פון חנה די יאטקאיקע,
אדער די ווירטין פון הויז, צי גאר זלא-
טע די קוילענהענדלערין... און אויבער'אל
פלעגט ביי זיי די מאמע קויפען עפים און
א ביסעל שולדיג בלייבען, איז דער חשבון
אויסגעקומען, אז נאך א גאנצען טאג
פדיון זענען און שופלאר געלעגען א בי-
סעל ראלקעס מיט סיפערגע צעהנער...

א בוסעל איז רעדוצירט געווארען דער
מאמע'ס חוב, און די רעשט איז פאר-
צווכענט געווארען און בוך אלס נ"ח...

און שעהן איז געווען, יהידי, צו הערען
דאס מענה-לשון, ווי דער מאמע פלעגט
אריינ'טענה'ן מיט די יודישע קונים. איך
זאג דיר, מען האט באמת נישט גע-
הארפט קיין טעאטער, א כפרה אלע קא-
מעדיעס מיט אלע שטיפעריען — מיר
קינדער פלעגען זיך האלטען די זייטען
פאר געלעכטער, בשעת ס'פלעגען אריינ-
פאלען [illegible] געוועלב ארײן א צווייטע
פרוילינס, וואס יודיש האבען זיי זיך גע-
שעהמט צו רעדען און פויליש האבען זיי
נישט געקאנט רעדען... איז די שפראך
אויסגעקומען א מיש-מאש, פון יודיש
דייטש מיט פויליש צוזאמען. אט א שטי-
גער אויף אזא אופן...

— פאניע קופיע, צווינגען זי איז נאר
„נא בלוזעטשקע", אויף א בלוזקעלע, נאר
עפים שעהנס, „צאש לארנעגא", „אושע-
בי ניע פושצילא", ס'זאל נישט לאזען
„וו' פראגיו"...

און דער מאמע פלעגט פערצוהען דעם
באפוראס און צומאכען איין אויגעל און
בשעת מעשה אויבער'חזר'ן דעם גאנצען
שפרוך און ענדיגען מיט א פראגע-צייכ-
כען... און ס'האט געהייסען, ווי געזאגט:
„נו יא, אז עמיצ וועט קויפען, וועל
איך אהיימטראגען... און באיין אופן האט
ער נישט געוואלט ארויסצוגעבן די סחורה

פון שאנק, נאך היות ווי די סחורה ליגט
איינגעלייגט, זאלען זיי זיך צושערשט אויס-
קלייבען, און וואס ס'וועט זיי געפעלען,
וועט ער זיי ארויסציהען און אויפוואר-
פען...

— זעהט'ס נאר דעם סוחר, „פאמוש-
טשע נא טענא קופצא", ער וויל אונז
גארנישט ווייזען קיין סחורה, „גיעלצע
נאס פאקאזאטש טאווארו" — קומט'ס
„פאדזשעמו גדזשעונדזשעי"...

אדער ס'פלעגט גאר אריינפאלען א יו-
רינגע מיט א בריוט פארטוך, א מארק-
שטעהערין, וויזט אויס, דעם טאטענ'ס א
בעקאנטע.

— ר' מענדעלשי, גיט מיר נאר עפים
פאר א יונגעלע, וואס קאן גיט לערנען
אויף א פאר הויזעלעך...

אבער גאר אנדערש — פלעגט דער
טאטע זאגען — איז צו האנדלען מיט
קריסטען. דער קריסטליכער קאנסומענט
איז על פי רוב בעשטאנען פון פענסיע-
מענשען: א מאשיניסט אויף דער באהן,
א קאנדוקטאר אויפ'ן טראמוויי, אדער ער
האט געארבייט אין א גרויסער פאבריק,
צי אין די באהן-ווארשטאטען, וואס האבען
זיך געפונען אין דער זעלבער גע-
געגד, און וויפיל מענשען ס'זענען נאר
געווען און שטוב, האבען אלע פערדינט,
און יעדען 1. האבען אלע געקראגען אויס-
געצאהלט די פענסיעס, במילואו, אזוי,
אז טאטער איז ווער געגאנגען עפים קוי-

פען, פלעגט ער קויפען בכסף מלא, גע-
בען א גאנצען פופציגער, און זיך הייסען
דערלאנגען א רעשט... האט מען אויסגע-
קראצט א בוסעל קליינגעלד, א ביסעל צו-
געבארגט, אבער און שופלאר איז גע-
בליבען א גאנצער פופציגער איין ס'איז
געווען עפים וואס מיט איהם אויפצוטון...
און דער טאטע פלעגט זיין מלא-שמחה
פון אזעלכע פדיונים... ער האט זיך גע-
קאנט „געבען א דרעה" און דאס איז
דאך דער עיקר ביי אונז און מאנופאק-
טור-בראנזשע...

דער דרעה זאל נאך נישט אונטערגעהן,
ווארום, טאמער זעהסטו, האט זיך דאס
דרעהען אפגעשטעלט, איז אלץ שטעהן
געבליבען, נישט צום רוהרען זיך פון
ארט...

און דאס זעלבע, ידידי, פיהלט זיך
עפים אויך ביי אונז אויף נענשא גאס.
ס'איז אדורך א שווערער, לאנגער ווינ-
טער, ס'זענען שוין אדורך די פוילישע
חגאות און אלע האפנונגען זענען זיך צו-
גאנגען, ווי א רויך... און דא האט נאך
דינער א לאדזשער גרויס-אינדוסטריעלער,
וואס געפינט זיך אלין בעם בארג פון
אונטערגאנג (ווייל לע"ע ארבייט ער אונ-
טער א נאדזאר), נאך געראנגשעט צו
פער'התמ'ענען, פונקט אין טאטע פורים,
צוויי געשעפטען אויף נענשא גאס און צו
אנלאשען אופארלאשטשען, וואס ס'האט
ביי אונז געמאכט זעהר און זעהר א שווי-

רען רושט, ווייל איין פירמע געהערט צו
צוויי שותפים, וואס זענען גראד זעהר
ארענטליכע און פעהיגע יונגעלייט, און
דער חוב איז גארנישט קיין אויסטערליך,
נאר אנ'אוועקגעשטעלטער שוין פון פאר
דריי יאהר. האט מען פונקט איצט גע-
פונען די געלעגענהייט, צו רואינירען א
געשעפט, וואס דאס גראד נעהאט די
מעגליכקייט צו עקזיסטירען און געווים
דורכצוקומען. ס'איז אבער געקומען געווע-
ליך בהיסח הדעת, אזוי אז די אונגענעהנ-
מער האבען זיך גארנישט געריכט אויף
אזא אומגליק...

און בכלל איז דאס גאנצע געשעהעניש
ביי אונז אויף נענשא גאס עפים א ניע-
מענ'יש...

מן הסתם וועט זיך די זאך אויפקלי-
רען בקרוב און הלואי איך זאל דיר קאנ-
נען בקרוב מבשר זיין בעסערע בשורות
און דער עיקר, דער יודישער ערבי-יום-
טוב זאל געבען דעם נעהטיגשטען פדיון,
אזוי אז די שטימונג זאל זיך לאזען א
ביסעל ביי אונז אויף נענשא גאס פער-
בעסערן, דערווייל איז לא-טוב...

כתפך ידידך יוסף.

ווארשא, מערץ.

לאָדז
1. אַפּריל 1932
פרייטאָג
ב"ד
אדר ב תרצ"ב
פ' שמיני

טאָג-כראָניק

וואָיעוואָדע יאַשטשאָלט
אויף אַן אינספּעקציע רייזע

(וו) וואָיעוואָדע יאַשטשאָלט איז אַרויסגעפאָהרען אויף אַ אינספּעקציע אין די סטאַראָסטוועס פון דער לאָדזער וואָ-יעוואָדזשטוואָ.

יין כשר לפסח ווי גוטע ראָזינען-וויין נומער 6 פון די פירמע „פּראָגרעס", נאָר 75 גר.

נאַכט-דיזשורען אין די אַפּטייקען

היינט בענאַכט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: א. פּאַטאַש (פּלאַץ קאָש-טשעלנע 10), א. לאַרעמזא (פּאָמאָרסקאַ 12), ע. מילער (פּעטריקאָווער 46), מ. עפּשטיין (פּעטריקאָווער 225), ז. נאָר-משיצקי (בזשעזינער 59), ג. אַנטאָניע-וויטש (פּאַביאַניצקאַ 50).

שרעקליכע פאַמיליען-טראַגעדיע אין לאָדז
בעת אַ קריגעריי האָט אַ מאַן דערשאָסען זיין פרוי

(§) נעכטען האָט זיך אין הויז אויף פּיאָטרקאָווסקאַ 18 אָפּגעשפּילט אַ שרעקליכע פאַמיליען-טראַגעדיע.

אין דערמאָנטען הויז וואוינט דער 36-יעהריגער פּעליקס לעווינסקי מיט זיין פרוי די 30-יעהריגע זאָפיא. לעווינסקי אַרבייט אַלס שלאָסער אין דער טראַמוואַי-רעמיזע און פערדינט נישט שלעכט. דאָס פּאָר-פּאָלק איז שוין 7 יאָהר נאָך דער חתונה. אין האָט גאַנץ גוט געלעבט, לעצטענס אָבער איז דער שלום-בית קאַליע געוואָרען און פון טאָג צו טאָג האָבען די קריגערייען זיך גע-שטאַרקט. פאַרגעסטען נאַכט איז לעווינסקי אַהיימגעקומען אַרום 11 פון דער אַרבייט און עס האָט באַלד צווישען איהם און זיין פרוי אויסגעבראָכען אַ קריגעריי. די פרוי האָט איהם צוזאַמענגעלעגט די וועש און געהייסען גיין פון שטוב. דאָס האָט דעם מאַן שרעקליך דערנערווירט און ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער דראָהענדיג דער פרוי צו שיסען. אין זעלבען מאָמענט איז אַריינגעקומען לעווינס-קי'ס שוועסטער און זעהענדיג וואָס עס קומט פאָר, האָט זי זיך געוואָרפען אויפ'ן ברודער, וועלענדיג איהם אַרויס-רייסען דעם רעוואָלווער. לעווינסקי'ס פרוי האָט אויך צוגעהאָלפען, אָבער בעת'ן אַמפּער'ן זיך, האָט דער רעוואָלווער אויס-געשאָסען, די קויל האָט געטראָפען לעווינסקי'ס ווייב אין קאָפּ, פון וואָס זי איז געפאַלען טויט אויפ'ן אָרט.

דערזעהענדיג, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, האָט לעווינסקי געכאַפּט אַ ברויטמעסער און זיך געוואָלט איבערשניידען דעם האַלז. די שוועסטער האָט איהם געשטערט דע-רין און בעת מעשה זיך צושניטען די הענט. פון די גוואַלדען זענען זיך צו-זאַמענגעלאָפען די שכנים, וואָס האָבען אַרויסגערופען פּאָליציי און פּאָגאָטאָוויע. דער פערוואונדעטער איז ערשט'לט גע-וואָרען הילף און דער טויטער קערפּער פון לעווינסקי'ס ווייב איז אָפּגעפיהרט געוואָרען אין פּראָזעקטאָריום.

די אויספאָרשונגס-מאַכט האָט אויפ'ן אָרט אדורכגעפיהרט די ערשטע אויס-פאָרשונג. דער מערדער איז אַרעסטירט געוואָרען. צי ער וועט געשטעלט ווערען פאַר אַ שטאַנד-געריכט איז נאָך נישט בעוואוסט.

טראָצקי פאָהרט היינט אדורך לאָדז

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט היינט זעקס אין אָוונט אדורכפאָהרען לאָדז, אויפ'ן וועג קיין קאַרלסבאַד, דער געוועזענער דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד לעאָן טראָצקי. ער וועט פאָהרען אין אַ בעזונ-דערן וואַגאָן, וועלכער וועט בלייבען שטעהן אין לאָדז 10 מינוט.

היי-יעהריגע מיליטער-איבונגען פאַר אָפיצירען

דער פיהרער פון ד. אָ. ק. 4, גענע-ראַל מאַלאַכאָווסקי, האָט אַרויסגעלאָזען אַ בעקאַנטמאַכונג וועגען מיליטער-איבונ-גען אין היינטיגען יאָהר. עס וועלען היי-יאָהר גערופען ווערען צו די איבונגען אָפיצירען פון רעזערוו און פּאָדכאָראַנזשעס פון פּיעכאָטאַ, קאַ-וואַלעריע, אַרטילעריע, לופט-פלויהער, סאַפּערן, סאַניטאַרען, מאַטראָזען, טאַ-באָר און פערבינדונגס-דינסט.

אַלע וואָס האָבען פאַר אַ יאָהרען גע-דאַרפט דורכמאַכען די איבונגען און צו-ליב פערשיידענע סבות עס נישט געטאָן. אַלע פון די יאָהרגענג 1904, 1900, 1899 און 1897 אַלע פּאָדפּאָרוטשניקעס פון רעזערוו מיט פּראָמאָציע פון יאָהר 1931.

לאָדז געליטען פון אַ באַנקראָט
פון אַ גרויסער טאַרנאָווער פירמע

(אַג) די גרויסע האַנדעלס-פירמע „ברי-דער ברוין" אין טאַרנאָוו האָט אָפּגע-שטעלט די צאָהלונגען. די פירמע איז שולדיג לאָדזער פאַבריקאַנטען שווערע מיליאָנען פאַר סחורות.

וועה-געשריי פון דער אָרימער בעפעלקערונג צו „תומכי-אורחים"
ווי וועט אויסזעהען די היי-יעהריגע פּסח-אַקציע פון פעראיין

מיטוואָך איז אין לאָקאַל פון „תומכי אורחים" אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' י. זאַליץ פאָרגעקומען אַ גרויסע פערזאַמלונג. עס איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען דער גרויסער פּסח-אַקציע, וואָס „תומכי אורחים" פיהרט היי-יאָהר דורך.

ה' זאַליץ רעדט וועגען דער אונגעהויערער נויט אויף דער יודישער גאַס, וואו אַ סך, וואָס זענען נאָך פאַראַיאָהרען גע-ווען נותנים, מוזען איצט ווערען מקבלים. ער ליינט דורך אייניגע שורות פון אַ בריף, אין וועלכען דער בעטרעפענדער ווענדט זיך מיט אַ מורא'דיגען וועה-גע-שריי צו „תומכי אורחים" צו העלפען איהם, אז ער זאָל ח"ו נישט דאַרפען צו הונגערן מיט זיינע קינדער אום פּסח.

דער סעקרעטאַר לייזעראָוויטש ווייזט אָן, אז צוליב דער גרויסער צאָהל בי-טען, וואָס זענען שוין ביז איצט איינ-געלאָפען, וועט מען מוזען פערגרעסערן די צאָהל פּסח-פּראָדוקטען ביז פאַר 3000 פאַמיליעס. אינאַפּהענגיג דערפון וועט אויך די פּסח-קיך מוזען זיין פאַר 1000 פּערזאָן.

ה' וויינטרויב גיט אָפּ אַ בעריכט פון דער קאָמיסיע, וואָס פיהרט אונטערהאַנד-לונגען מיט אייניגע פּראָווינצער מצה-בעק-קערייען און קאַרטאָפעל-סוחרים. ס'ווע-רען נאָך בעהאַנדעלט די ווענדונגען פון „עזרת-אַלמנים" און פון אַ גרופּע בכבוד'ע פאַמיליעס, וועגען איינאָרדנען פאַר זיי אין דער פּסח-קיך בעזונדערע צימערן.

צו דעם צוועק וועט ספּעציעל געדונגען ווערען איינער פון די שענסטע הויזע זאַ-לען.

נאָכדעם, ווי ס'ווערט אָנגענומען זיך צו ווענדען צו דער לאָדזער בעפעלקערונג מיט אַ היימען אַפּעל צו אונטערשטיצען די אַזוי נויטיגע אינסטיטוציע „תומכי אורחים", ווערט די פערזאַמלונג געשלאָ-סען.

מעהר כשר לפסח פון די בעסטע קוואַ-ליטעטען איז צו בעקומען ביי די פירמע „פּראָגרעס" אַלטער-מאַרק 2.

געזעלשאַפט צו קאָלאָניזיר' ישיבה בחורים אין ארץ ישראל.

ווי בעוואוסט, איז מיט אַ צייט צוריק געשאַפען געוואָרען אין ירושלים אַ גע-זעלשאַפט מיט'ן נאָמען „חברה להתארות בני הישיבות בארץ ישראל בע"מ, אַ חברה, וואָס איהר ציל איז צו קאָלאָניזי-רען די ישיבה-בחורים און רעליגיעזע יונגעלייט אויף פרדסים אין א"י און דער קאָלאָניע פרדס-חנה, וועלכע ווערט גע-שטיצט פון נדיב הידוע.

די חברה אַרבייט אונגעמיידליך און איהר זענען פערטרעטען די גרעס-טע אויטאָריטעטען פון א"י-דיגען יי-דענטום, אין דער שפּיץ שטעהט סיי הרב קוק שליט"א, סיי די אַנהענגער פון הרב זאָנענפעלד זצ"ל, ווי אויך חכם יעקב מאיר, הרב עוזיאל, דער שרייפטשטעלער ר' בנימין, אויך באַנקירען און סתם גרויסע עשירים. אויך אין פּוילען האָט דער ענין געפונען זעהר גרויסע סימפּאַ-טיע. די גרעסטע אדמו"רים האָבען געקויפט אַקציעס און געגעבען ברכה צו שטיצן די געזעלשאַפט דורך דעם חשוב'ן דעלעגאַט, וואָס איז ערשט געקומען פון ארץ ישראל, הרב מ. ז. חסידה (באַט-שאַן), וועלכער וויילט איצט אין לאָדז, דאָ אדורכצופיהרען די וויכטיגע אַקציע.

הרב חסידה האַלט אויך רעפעראַטען וועלכע בעגייסטערן דעם עולם מיט חבת-ארץ ישראל און פּאָפּולאַריזירט דעם רעיון ביי אַלע שיכטען פון פאָלק. הרב חסידה ווערט איבעראַל אויפגענומען זעהר וואַרם. ס'איז צו האָפען, אז אויך לאָדז וועט נישט בלייבען הינטערשטעליג געגען אַלע שטעט אין פּוילען און קויפען די אַקציעס פון דער דאָזיגער חברה.

גאַלאַנטעריע-סעקציע
ביים קליינהענדלער-פעראיין
אָגראָדאָווע 10

ביים לאָדזער יודישען קליינהענדלער-פעראיין (אָגראָדאָווע 10) איז געשאַפען געוואָרען אַ סעקציע פון גאַלאַנטעריע-קליינהענדלער. די סעקציע האָט אויף איהר אָרגאַניזיר-פערזאַמלונג אויסגע-וועהלט אַ פערוואַלטונג אין פאָלגענדען צוזאַמענשטעל: ד. ליבאַשיצקי, א. דזיאַ-לאָווסקי, ש. קראַקאָווסקי, מ. יאַסקאָ-וויטש, רייכמאַן, זעליצקי, מינץ, פינגע-בוים און נאָוואָמיעסקי. די סעקציע איז צוגעטרעטען צו ווערבירען אַלע גאַלאַנ-טעריע-קליינהענדלער, כדי צו בעקעמפען ווירקזאַם די אונעהרליכע קאָנקורענץ אין דער בראַנזשע.

אַ באַטשעגנקאַ יין כשר לפסח נומער 6 פון די פירמע „פּראָגרעס" 1.70 זל.

פערוויילונג אין „שעראַציניעץ"

מאָרגען קומט פאָר אַ פערוויילונג אין דער אָפיצירען-היים אויף יערזשי גאַס 2. די הכנסה געהט פאַר די יתומים פון פערשטאָרבענע מיליטער-לייט.

איינקויף ייטעל פון ביינוועל
זאָל געשאַפען ווערען מיט דער הילף פון דער רעגירונג

(אַג) היינט קומט קיין לאָדז דער דירעקטאָר פון אינדוסטריע-דעפּאַרטאַ-מענט ביים האַנדעלס-מיניסטעריום ה' מ. קאַנדעל, כדי זיך צו בעקענען מיט דער מיינונג פון די הויגע פאַבריקאַנטען וועגען פּראָיעקט פון דער רעגירונג צו אָרגאַניזירען אַ בשותפות'ן אינטערעס פון באַוועלנע יטענען רעגירונגס-גאַראַנטיעס. אין דעם ענין קומט היינט פאָר אַ קאָנ-פערענץ אין פעראיין פון די גרויס-אינ-דוסטריעלער.

פראַנצויזישער מאַרק געשלאָסען פאַר לאָדזער קאָנפעקציע

(אַג) קיין לאָדז איז אָנגעקומען די ידיעה, אז אויך דער פראַנצויזישער מאַרק איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען פאַר'ן אַריינפיהר פון לאָדזער קאָנפעקציע. די לאָדזער האַנדעלס-קאַמער האָט תיכף אינטערווענירט ביי דער רעגירונג, אז דער איינגעפיהרטער קאָנטינגענט זאָל לכל הפחות נישט חל זיין אויף די סחורות, וואָס זענען בעשטעלט געוואָרען ביז איצט.

געקינדיגט דעם לוין-אָפּמאַך
אין דער ביאַליסטאָקער-אינדוסטריע

ביאַליסטאָקער אַרבייטער ווענדען זיך נאָך שטיצע קיין לאָדז

(אַג) דער לאָדזער פעראיין פון די פּראָפ. פעראיינען האָט נעכטען בעקומען אַ ידיעה, אז די ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטען גרייטען זיך צו קינדיגען דעם לוין-אָפּ-מאַך און פערלאַנגען אונטערצושרייבען אַ נייעם לוין-אָפּמאַך, לויט וועלכען די לוינען ווערען פערקלענערט מיט 30 ביז 40 פּראָצ.

די אַרבייטער-פעראיינען אין ביאַליסטאָק האָבען דעם נייעם אָפּמאַך אָפּגעוואָרפען און געוואָנדעט זיך וועגען שטיצע צו די לאָדזער טעקסטיל-אַרבייטער. היינט וועט די פראַגע בעטראַכט ווערען אויף אַ פערזאַמלונג פון פאַבריקס-דעלעגאַטען.

באַנדיטען-איבערפאַל הינטער וויעלון
די באַנדיטען געכאַפּט

(וו) נעהערגעכטען זענען אויפ'ן שאָסע וויעלון-טשאַסטאַרי, וועלכער פאָהרט, האָבען 3 פערשוינען אָנגעפאַלען אויפ'ן ראָווערויסט יוזעף שידמירסקי און דראָ-הענדיג איהם מיט רעוואָלווערן, האָבען זיי צוגענומען פון איהם געלד. דער בעפאַלענער האָט איבערגעלאָזען דעם ראָווער און גע-נומען אַנטלויפען. דאַן האָבען די באַנ-דיטען פאַלער איהם נאָכגעיאָגט, איהם דער-לאַנגט עטליכע זעץ מיט אַ שטעקען איבער'ן קאָפּ, דערנאָך האָבען זיי צוגענומען דעם ראָווער און זענען אַנטלאָפען. פּאָ-ליציי איז אָבער געלונגען זיי צו אַרעס-טירען. זייערע נעמען זענען: ה. קרויזע, א. מאַני און ב. בראַנאָווסקי.

„הזמיר", אַלעיע קאָשטשושקי 21.
„יודישע טעאַטער סיזאָן" אין „הזמיר"
היינט פרייטאָג 9 אָוונט, מאָרגען שבת 4 נאָכמיטאָג און 9 אָוונט
8 פּאָפּולערע פאָרשטעלונגען 8
פון 50 גר. ביז 1.50
„די רייזע פון בנימין דעם דריטען"
(„מסעות בנימין השלישי")
קאָמעדיע אין 10 בילדער פון מענדעלע מוכר ספרים.
רעזשי: אידעס. דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: יצחק ברוינער, מוזיק: דוד בייגעלמאַן, פּלאַסטיק און טענץ: איזאַ האַרערי, אינסצעניר-אַציע: כ. עמזס.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון „הזמיר".

קיין ארץ-ישראל

נעכטען אָוונט איז אין לאָקאַל פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע פאָרגעקומען אַן אָפּשיידס-טעע לכבוד ה' משה הלולא דעם אָנגעזעהענעם ציוניסטישען עסקן און דעם עלטסטען מורשה פון „חובב ציון" און אָדעסער קאָמיטעט אין לאָדז, צוליב זיין אָפּפאָהרען קיין ארץ ישראל. עס זע-נען אָנוועזענד געווען די מיטגלידער פון ציוניסטישען קאָמיטעט און די נאָהענטס-טע פריינד פון ה' הלולא.

לכבוד ה' הלולא אָרדענט איין מאָרגען שבת פּרשה אויך דער וועד פון „אהל יעקב" אַ ספּעציעלע פייערונג מיט דער בעטייליגונג פון חזן און כאָר פון דער שוהל.

פון דער ליגע פאַר'ן אַרבעטענדען א"י אין לאָדז

די ליגע פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ ישראל אין לאָדז איז צוגעטרעטען צו אַ פּלאַנמעסיגער אָרגאַניזירונגס- און אויפ-קלערונגס-אַקציע אין לאָדז. פון ערשטען אַפּריל אָן הויבט זיך אָן אַן אַלגעמיינע רעגיסטראַציע-אַקציע פון דער ליגע צווישען אַלע חברים פון ציוניסטישע אַר-בייטער-פּאַרטייען און חלוצישע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך צווישען נים אָרגאַניזירטע אָנהענגער פון'ם אַרבייטענדען ארץ ישראל. דער סעקרעטאַריאַט פון דער ליגע וועט זיין טעטיג טעגליך חוץ שבת פון 12—10 פאָרמיטאָג. דער זיץ-אָרט פון סעקרעטאַריאַט אין ציענ-קיעוויטשאַ 3/5 פראָנט, פּאַרטער.

טעאַטער און קונסט

די לעצטע 2 מאָל
„דער פרייליכער ציגיינער"

היינט און מאָרגען ווערט געגעבען מיט דזשעק רעכטצייט די לעצטע 2 מאָל די אויסגעצייכענטע אָפּערעטע „דער פרעה-ליכער ציגיינער". מאָרגען שבת 4 נאָכמ. צום לעצטען מאָל מיט דזשעק רעכטצייט „איציקל גנב".

פון „אַרטע"

דאָס 25. יובל-פּראָגראַם א. נ. „שמחות ביי יודען" ווערט היינט פרייטאָג און מאָרגען שבת געגעבען צו ביליגע פּרייזען.

3 גראַנדיעזע פאָרשטעלונגען אין טעאַטער „פּאָפּולאַרני"

מאָרגען, שבת, קומען פאָר אין טעאַ-טער פּאָפּולאַרני דריי אונטערנעמונגען רע-ווי-פאָרשטעלונגען אונטער דער רעזשי קאָנסטאַנטין טאַרטאַקאָווסקי. צווישען אַנד. בעטייליגט זיך דער בערוהמטער טענאָר וואַסאַנסקאָוויטש, וועלכער וועט זינגען יודישע לידער, און די פעהיגע טענ-צערין עדזשאַ האַסקלעוויטש וועט טאַנ-צען איהרע פּרעכטיגע מזרח-טענץ. עס בעטייליגט זיך אויך אַ ציגיינער-טרופּע.

העגריק מילנער
בעוואוסטער לאָדזער מענער-שניידער צוריקגעקומען פון פּאַריז

דער פּאָפּולערער לאָדזער מענער-שניי-דער-מייסטער העגריק מילנער (פּעט-ריקאָווער 38) איז איינער פון די גאַנץ ווייניגע אין זיין פאַך, וואָס קוקען אויף שניידעריי, ווי אויף אַ קונסט. ה. מיל-נער איז ווירקליך אין פּוילען זיין פון וואָרט אַ שניידער-קינסטלער. ביי איהם איז נישט דער עיקר דער מאַטעריאַל, אויפ'ן בלונד צו קאָפּירען, נאָר יעדער מלבוש, וואָס געהט פון איהם אַרויס, איז צוגע-פּאַסט אינדיווידועל צום קליענט. אין דע-ריבער ליגט טאַקי מילנער'ס אַנ'אַנצוג, אָדער פּאַלטאָ, ווי אויסגעגאָסען און איז פיל מיט חן. ה' מילנער בעגנוגענט זיך אָבער נישט מיט זיין אויסגעבוירענער אינטואיציע אויפ'ן געביט פון דער שניידער-קונסט; ער בעמיהט זיך אויך בסדר צו פערפּאָלקאָמען זיך אין די בע-רוהמטע שניידער-אַקאַדעמיעס פון אויס-לאַנד, ווי אויך דורך ספּעציעלע שטודיען-רייזען. איצט קומט ער ווידער צוריק פון אַזאַ רייזע קיין פּאַריז און, אויסערדעם, וואָס ער האָט דאָרט פון דאָרט מיטגעבראַכט די נייעסטע באמת פּאַריזער מאָדעלען, האָט ער דאָרט אויך געהאַט די געלע-גענהייט נאָך מעהר צו פערפּאָלקאָמען זיין געשמאַק און נאָך מעהר אויסצופיינען זיין צושניידער-סטיל. נישט אומזיסט גע-העהרט העגריק מילנער היינט צו טאָג צו די בעליבטסטע מענער-שניידער אין לאָדז.

יודיש טעאַטער
פילהאַרמאָניע
דירעקצ.: א. בעזמאַן און ד. צעלמייסטער
לעצטע 2 מאָל!
היינט פרייטאָג, שבת 9 אָוו.
דער שענסטער אַמעריק. קאָמיקער
דער ליבסטער פון אַלע ליבע
דער פרייליכסטער פון פרייליכע
דזשעק

רעכטצייט
שפּילען זיין סוקסעס-אָפּערעטע
פּאָזיטיוו די לעצטע 2 מאָל
פרעהליכער ציגיינער
אין 3 אַקטען
מוזיק-רעזשי: דזשעק רעכטצייט
מיט'ן אַנטייל די בעליבטע אַר-טיסטין זינגערין יוכבד זילבערג
אַכטונג: נאָך דער פאָרשטעלונג היינט פרייטאָג, שבת,
סענסאַציע-מתנה!
אַ גרויסע קאָנצערט-סצענע, וואָס איז געשפּילט געוואָרען פאַר דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט
„ברענגט מיר מיין מאַמע פון יענער זייט"
דורך דזשעק רעכטצייט.
שבת 4 נאָכמיטאָג
אויף דעם גרויסען פערלאַנג אונאָפּרופליך צום לעצטען מאָל
„איציקל גנב"
פּרייזען:
פון 90 גר. ביז 2.60
מיטאָג-פּרייזען:
פון 60 גר. ביז 1.60
אַכטונג: די פאָרשטעלונג פון „תומכי-אורחים", וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען זונטאָג דעם 3. אַפּריל איז צוליב געוויסע סיבות אָפּגעלעגט געוואָרען אויף זונטאָג, דעם 10-טען אַפּריל. די בעקויפטע בילעטען זענען גילטיג.

אַרבעטער-טוריסטיק

די סעקציע פאַר לאַנדקענטעניש ביי דער געז. אָוונטקורסען פאַר אַרבייטער, אָרדענט איין שבת אַ אויספלוג אין דער גלאָז-הוטע „געהאַ", און זונטאָג אַ קאָ-לעקטיוון בעזוך אין דער טויב-שטומען שולע „עזרת אלמים". זאַמעלפּונקט פאַר'ן 1-טען אויספלוג 9 פריה, פאַר'ן 2-טען 10.30 אין דער בראָכאָוו-ביב-ליאָטעק זאַכאָדניאַ 63.

די פערקויפטע פרוי

שפּאַנענדער ראָמאַן פון יודישע פאַמיליען-לעבען אין פּוילען.

געשריבען ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזער טאָגעבלאַט" פון לעאָן גאָלדמאַן

(97-טע פאָרזעצונג)

הנכט, וואָס האָט אויך אָנגעגאָסען זיין גלאָז, האָט פריינדליך געשמייכעלט.

— איך גלויב אייך, יונגער פריינד, נו, צום געזונד! קלאַפּט אָן דאָס גלאָז אָן מיינעם אַלס צייכען פון פריינד-שאַפט!

די גלעזער, אָנגעגאָסענע מיט וויין, האָבען הויך אַ קלונג געטון, דערנאָך איז איינגעטרעטען אַ שטילע.

די טרונקער זענען געזעסען אין גוט-געבעטע פאָטע-לען. הנכט האָט זיך געגלעט די האָהר מיט צופרידענהייט און גאָלדבערג האָט מיט אַ שפּאַנישען שמייכעל געקוקט אויף זיין פריינד, בעמיהענדיג זיך עפּעס אַרויסצולעזען פון זיין פּנים.

גאָלדבערג האָט שוין לאַנג געהאַלטען אָנגעגרייט אַ געוויסע פראַגע, וועלכע ער האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט זי צו שטעלען דעם אַלטען הולטאַי.

דער געהיימנישפולער אויפן פון הנכט'ס לעבען — שוין דאָס אַליין האָט שטאַרק פעראינטערעסירט גאָלדבערג. אָבער נישט בלויז דאָס אַליין האָט איהם פעראינטערעסירט. מיט עטליכע וואָכען צוריק איז ער איינמאָל געקומען צו הנכט'ן דורכגעהענדיג דעם גאָרטען האָט ער בעמערקט אין איהם צווישען רויעלטי? דאָס האָט געדויערט אַ סעקונ-דע, אָבער דאָס איז גענוג געווען, כדי זיך צו איבערציי-גען, אז דאָס איז איינע פון די שענסטע פרויען, וואָס ער האָט געזעהען, זינט דאַן איז ער געוואָרען טיף איבערצייגט, אז אין דער ווילע „וויקטאָריאַ" קומט פאָר עפּעס פערדעכ-טיגעס.

ער האָט געטראַכט, אז דאָס מוז זיין עפּעס אַ רייכע ירושה-נעמערין, וועלכע גראָסמאַן האַלט בעהאַלטען ביי זיך, כדי אַנדערע זאָלען דערווייל קענען אָפּנעמען איהר חלק.

ער האָט בעמערקט, אז גראָסמאַן פיהרט אויס יעדען געשפּרעך וועגען זיין בלומרשט'ער טאָכטער און אז אַ פרעגט איהם עפּעס וועגען איהר, ענטפערט ער נישט.

איצט האָט גאָלדבערג איינגעזעהן, אז די איין — פאַסיגע צייט אַ טאַפּ צו טון ביי גראָסמאַנען דעם דופּק. איצט איז ער בערעדעוודיג און אונטערגעהיצט פון אַלקאָהאָל און מ'קען עפּעס געוואָהר ווערען ביי איהם.

— יאָ, יאָ, פּאַניע גראָסמאַן! — האָט גאָלדבערג גע-זאָגט, איבעררייסענדיג די שטילקייט, — עס איז אַ גליק פאַר מיר, וואָס איהר האָט זיך בעזעצט אין דער געגענד און אַזוי-נאָך האָט איהר מיך בעפרייט פון דער שרעקלי-כער לאַנגווייליגקייט! עס מאָדנע, ווי אַזוי דער גורל ברענגט צונויף מענשען און מאַכט זיי פאַר גוטע פריינד. יאָ, עהרען-וואָרט, איך האָב די גרעסטע אַכטונג פאַר אייך, פּאַניע גראָסמאַן — האָט ער ווייטער געזאָגט, אויפהייבענדיג דאָס קול — איך וואָלט באמת אייך געהאַלטען דער האַרציגסטער פריינד, ווען נישט... אָדער גענוג דערמיט... לאָמיר רעדען וועגען עפּעס אַנדערש...

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטון צום גלאָז, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט פערטרייבען אַ בייזען געדאַנק.

הנכט האָט אָבער געקריגען אַנ'ערנסט פּנים. — רעדט, רעדט ווייטער, מיין יונגער פריינד, — האָט ער געזאָגט אין אַ האַרציגען טאָן, — זאָגט, וואָס איהר האָט אויף דער צונג! [illegible] פאַרוואָס איהר קענט נישט ווערען מיין אמת'ער פריינד?

— הער גראָסמאַן! עס ליגט נישט אין מיין נאַטור, איך זאָל [illegible] געשעהט, הגם איך מוז האָבען אַזוי פיל סימפּאַטיע, ווי איך פאַר אייך, אָבער אויב עס האָט זיך שוין געמאַכט, וועל איך אייך זאָגען, וואָס מיר ליגט אויף דער צונג. איהר בעהאַלט עפּעס פאַר מיר, פּאַניע גראָסמאַן. אונטער דער מאַסקע פון פרייהייט און פרעהליכקייט, וואָס איהר טראָגט פאַר דער וועלט, בעהאַלט זיך עפּעס אַ בלוטיגער ווייטאָג און אייער ברוסט, אָבער מיין שאַרף אויג בעמערקט אויף אייער פּנים אַנ'אויסדרוק פון שרעקליכע ליידען.

הנכט האָט געוואָרפען אַ פערדעכטיגען בליק אויף דעם מענש, וואָס האָט גערעדט צו איהם, אָבער גאָלדבערג האָט גערעדט צו איהם אַזוי פריינדליך, אַזוי האַרציג, אז עס וואָלט נישט געווען גרינג איהם חושד צו זיין אין עפּעס בעהאַלטענע געדאַנקען.

אַ טיף-פערטראַכטער, מיט אַ טרויעריג פּנים האָט הנכט געקוקט אויף זיין פּנים אַ לענגערע פאַר מינוט, ווי ער וואָלט געקעמפט מיט זיך.

— אייערע ווערטער זענען אויפ'ן אָרט, יאָ, ליידער, אויפ'ן אָרט, — האָט ער זיך אָנגערופען, — איהר זענט אונבעדינגט אונגערעכט, אויב איהר מיינט, אז איך שווייג דערפאַר, ווייל איך האָב נישט קיין צוטרוי צו אייך. צו וואָס זאָל איך יענעם לאַנגווייליגען, דערצעהלענדיג מיינע טרויעריגע זאַכען, בעת יעדער מענש האָט אייגענע איבעריגעניג! שווער! יעדער מענש האָט אַ וואונד, וואָס נאָגט דאָס האַרץ, און ער מוז לעבען מיט איהם!

(פאָרזעצונג קומט)

פון שבת צו שבת

(ענדע פון זייט 5)

זייער גענעראציעס מיט זייער לעבען.

שוין אונזערע פרומים האבען אין דעם זין אויפגעפאסט די האנדלונג פון אהרנ׳ס זוהן, ערקלערענדיג, אז: „לא מתו בני אהרן אלא על ידי שהורו הלכה בפני משה“. ד.ה. אהרנ׳ס זוהן זיינען געוואָרען בעשטראפט דערפאר, וואס זיי האבען אין געגענווארט פון משה׳ן און די פערזאמעלטע זקנים געוואלט בעווייזען זייער קענטניש, אויפ׳ן קינסטלערישען אופן צו שאפען א פייער (אש זרה), וואס איז געווען מסתמא שטרענג פערבאָטען (אשר לא צוה אותם).

דער דאזיגער טראגישער פאקט האט זעלבסטפערשטענדליך, געמאכט אנ׳ער־שיטערנדען איינדרוק אויפ׳ן פאלק און בעזונדערס אויף אהרנ׳ען.

„ויאמר משה אל אהרן: הוא אשר דבר ה׳, בקרבי אקדש ועל פני כל העם אכבד“.

אין דאזיגען טרויעריגען מאמענט ווענ־דעט זיך משה מיט א פאררוואורף צו זיין ברודער און בעמערקט אוהם: אט איז עס די בעדייטונג פון די ווערטער „דורך די מיר נאהענט־שטעהענדע וועל איך גע־היילגט ווערען און אין געגענווארט פון גאנצען פאלק וויל איך פערהערליכט ווע־רען“. משה וויל דערמיט געבען צו פערשטעהן אהרנ׳ען, אז זיינע זיהן האבען בייגאנגען אנ׳אונקארעקטען שריט, ערלוי־בענדיג זיך בפני כל עם ועדה צו מאכען פערבאטענע עקספערימענטען און דער־מיט צו פערשוועכען די געהיימניספולע בעדייטונג פון דער א.בערנאטירליכער פאפער־ערשיינונג, בעת זיי, אלס כהנים, אלס פערשטעהער און פיהרער פון פאלק, דארפען זיין בעמיהט, שטענדיג און בא יעדער געלעגענהייט מקדש צו זיין את שם שמים ברבים.

אהרן, וועלכער האט זיך, בלתי ספק, געפינען אין א גרויסער גאם שולדיג פאר דער דרויסטקייט פון זיינע זיהן, האט גאר נישט דערויף געענטפערט, אדרבה: וידום אהרן! — אהרן האט געשוויגען, און דערמיט האט ער בעוויזען זיין גרויסקייט: אז ער איז א מצדיק את הדין און זיין העלדישקייט, נישט האבענדיג קיין תר־עומות פאר די הארבע שטראף פון זיינע זיהן, וועלכע ער האט שטילשווייגענד אריבערגעטראגען.

מיט דעם ווייטערדיגען טייל פון אונ־זער היינטיגער סדרה (אנהויבענדיג פון פרשת שמות) טרעטען מיר ארויין אין א נייגעבויט פון יודישען קולטור־געזעלשאפט־ליכען לעבען, אין דעם געביט פון סאני־טארע פארשריפטען און פאלקס־היגי־ענע. דאס דאזיגע געביט געהערט צו די אינטערעסאנטעסטע און ווירטיגסטע קאפי־טלען פון דער יודישער סאציאל־מע־דיצינישער וויסענשאפט פון גרויסען אל־טערטום, און מיר וועלען דערויבער אין אונזערע קומענדיגע שבת־בעטראכטונגען האבען די געלעגענהייט אנצוווייזען אויף די בעזונדערע אויגענארט און וויסענ־שאפטליכען ווערט פון אונזערע רעלי־גיעזע סאניטארע פארשריפטען און פראָ־פילאקטישע (פערהיטונגס) מיטלען, וועל־כע געפינען זיך אין אונזער תורה.

מאריץ שטיינשניידער

(ענדע פון זייט 6)

רוכטען. די ליטעראטורקלען, די פאליעמיג־גען און די פאלעמיקס און די צייטונגען, האט ער געהאלטען פאר „שמאכטעס“, פאר „מוטפאיץ“ (זיין אייגענער אויס־דרוק). מיט א שמייכעל, וואס איז געווען בעגלייט פון א זיפץ, האט ער מיר דער־צעהלט, אז א געוויסע צייט איז ער גע־ווען א רעפארמער און א טעגליכער צי־טונג, אום צו רעטען זיין פאמיליע פון הונגער, און אום צו האבען די מעגליכ־קייט פארצוזעצען זיין גרויסע וויסענשאפט־ליכע ארבייט.

און דער צייט, ווען איך האב פער־קערט אין זיין הויז, האב איך פיל מאל אנגעטראפען שטיינשניידער׳ן ביים לייע־נען ערנסטע פילאזאפישע ווערק. דאס איז געווען אין די שטונדען, ווען ער האט זיך פערגונט אפצורוהען פון זיין שווערער מעגליכער ארבייט אויף אלטע טעקסטען און מאנוסקריפטען. ער איז געווען א גרויסער אנהענגער פון העגעל און אנ־דערע מאגנאטען (די נאטורוויסענשאפט־לער, וואס לויט זייער וועלט־אנשויאונג זיינען מאטעריע און גייסט פעראייניגט אין דער נאטור).

אלס אכציג־יעהריגער האט ער אנגע־פאנגען צו שטודירען די העכערע מאטע־מאטיק, אום צו געווינען די גייסטיגע קענט־נישען, וואס ער האט געברויכט פאר זיין פארשונג אויף דעם געביט פון מאטעמא־טיק און דער אלטער העברעאישער לי־טעראטור און בעצוג צו דינזער וויסענ־שאפט און דער אלגעמיינער ליטעראטור. א קאפיטעל פון די פארשונגען האט ער מיר געגעבען פאר דעם פערטען באנד פון מיין „ממזרח וממערב“, וואס איך האב ארויסגעגעבען אין בערלין.

וואס פאר א גייסטיגע ענערגיע האט זיך געפרויבט פאר א זקן פון אכציג יאהר אום צו פערטיפען זיך אויף אזא נייעם געביט פאר אוהם, ווי די העכערע מא־טעמאטיק!

א באטשענקא יין כשר לפסח פון די פירמע „פראגרעס“ נומ. 7 פאר 1.90 זל.

יודיש הארץ רוף זיך אפ!

אזוי איז עס: לאזי, די אמאליגע מיוחסת פון עשירות, איז היינט געווא־רען פערארעמט ביז גאר! געפאלען איז אונזער יודישע קעפ די שארפע שווערד פון פרנסה׳לאזיגקייט און רואין, אז די בעמליע פון שווערער דחקות און עלענדען דלות קלאמערט אונזערע העלזער...

ווער ווייסט דען דאס נישט, אז מענ־שען, וואס האבען ערשט געשטיצט מיט א ברייטער און אפענער דאנק יעדען נא־הענטען און ווייטען נויטבעדערפטיגען — ראנגלען זיך באותה שעה מיט א־מקום און אונטערגאנג.

קעהרען זיך און וואגרען זיך פער׳חלש־טע הערצער און טרעהריגע אויגען פון יודישע מיט אויסגעשטרעקטע הענד נאך ה׳לב צו „תומכי אורחים“, וואס וויל העלפען און בעמיהט זיך צו דערלבען.

ס׳פערהויכלט און פערטויבט זייער הילפס־רוף: שענקט, ווענגסטענס, און אונטערשטיצט מיט דעם מינדעסטענס, א בוסעל עסען להחיות עת נפשנו, אויב נישט פאר אונז, טוט דאס לפחות פאר אונזערע פרויען און קליינינקע קינדער, אום צו ראטעווען פון א פערשוואכטען יום־טוב פסח!

פערווארפען איז די אינסטיטוציע מיט א כן בקשות. אין טערקווירדיג, מעהרם־טען בקשות שטאמען גראד פון די שווע־טער און ברודער, וועלכע פלעגען שטענ־דיג אנפילען און אנשטיצען די קאסע פון „תומכי אורחים“ מיט געלד לכבוד יום־טוב.

זאל מען אט די מענשען נישט העל־פען אין א שווערער שעה, וואלט דאך ממש שוין עק וועלט געווען, און חלילה, די ערגסטע קללה און חרפה פאר אונז אלעמען.

יודיש הארץ, רוף זיך פארט אפ!

ל. ל.

א קווארט נומ. 7 פון די פירמע „פראג־רעס“ כשר לפסח פאר 2.70 זל.

ראדיא פראגראם

פרייטאג 1 אפריל

לאדז (233,8) 11.45 פוילישער פרע־סע איבערזיכט, 11.58 שעה־צייכען און טאג פראגראם, 12.10 גראמאפאן־פליטען 3,25 פארטראג פאר מאטורזשיסטען, 3.45 פארטראג פאר שיפער און פישער, 3.50 פארטראג פאר מאטורזשיסטען 4.10 גראמאפאן פליטען 4.55. לעקציע ענגליש 7,15 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנ־דעלס־ און אינדוסטריע־קאמער, פראג־ראם אופן׳ נעכסטען טאג, 7.45 ראדיא פרעסע זשורנאל, 10,50 טאנץ מוזיק.

שבת 2 אפריל

לאדז (233,8) 11.45 פוילישע פרע־סע איבערזיכט, 11.58 שעה־צייכען און טאג־פראגראם, 12.10 שול־פריה־מארגען פון לעמבערג, 12.45 גראמאפאן־פליטען 1.10 אפיציעלער קאמוניקאט פון מלו־כה שען מעטעראלאגישען אינסטיטוט 4.20 פארטראג, 6.05 פראגראם פאר יונגערע קינדער, 6.30 קאנצערט פאר יונגענד, 6.30 פערשידענעס 7.15 קאמו־ניקאט פון דער האנדעלס־און אינדוס־טריע־קאמער. פראגראם אויפ׳ן נעכסטען טאג, פילם־קאלענדאר און טעאטער רע־פערטואר, 7.35 גרויסער הוידען פעס־טיוואל קאנצערט (טר. פון ווארשא) 9:35 ראדיא פרעסע זשורנאל 10.10 שא־פונגען פון שאפין אויסגעפיהרט פון די ערא־בערער פון ערשטען און צווייטען פריז אויפ׳ן אינטערנאציאנאלען שאפין קאנקורס אין ווארשא, 10.40 ביילאגע צום ראדיא פרעסע זשורנאל מעטעראלאגישער און ספארט קאמוניקאטען, 10.50 וואונש קאנצערט פון גראמאפאן־פליטען.

די ווייטערע שריט פון דער קאטאוויצער „קאלאנטאי“ פאבריק

צוצושטעלן פרימא־קוואליטעט ארטיקלען

די וועלט־בעקאנטע קאטאוויצער פירמע „קאלאנטאי“ איז שוין גענוג אויבע־ראל בעוואוסט מיט איהרע ערשט־קלאס־סיגע אויסארבייטונגען. עלעס, וואס גיהט פון דער דערמאנטער פאבריק ארויס פער־רינט א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט און גאראנטירט אלס פרימא־קוואליטעט. לעצטענס האט די „קאלאנטאי“ פאבריק אנגעהויבען אויסצוארבייטען און די דורך איהר ספעציעל אויסגעשטעלטע „שפייזע־פעט א. ג. קאלאנטאל־עדת, און שוין די פט א. ג. קאלאנטאל־עדת, און שוין די ערשטע ווארע, וועלכע איז אין פערקויף ארויסגעלאזט געווארען, האבען בעוויזען, אז אויך אויף דעם געביט איז איהר געלונגען אהערצושטעלען איהר אויסאר־בייטונג אויף דער ערשט־קלאסיגער הויכ־קייט. די, וואס פרובירען אונגעמאל „קאלאנטאל־עדת“ קאנען זיך אפלויבען אי־בער די פרימא קוואליטעט, וואס עס בעווייזען די פיל האנק־בריף, וועלכע די פאבריק ערהאלט.

אויך אויפ׳ן געביט פון כשרות האט די „קאלאנטאי“ פאבריק ארויסגעוויזען איהר ווייטגעהענדסטע פערשטענדניש דערמיט, וואס זי האט די אויפזיכט אי־בער כשרות איבערגעגעבען דעם פער־באנד „עדת ישראל“ אין פוילען און ווענעם שפעץ עס שטעהען די בערימ־טע יודישע אויטאריטעטען ווי הרה״ג ר׳ יעקב מאיר בידערמאן און הרה״ג ר׳ מ. הכהן ווארשאוויאק פון ווארשא, וואס גאראנטירען 100% פאר כשר.

„קאלאנטאל־עדת“ קאן בענוצט ווע־רען צו פליישיג׳ס און מילכיגס און איז פיל ביליגער ווי אלע אנדערע פעטען.

אויך ווערט דורך די דערמאנטע פאב־ריק אויסגעארבייט פיינער עס־אויל, וועל־כער איז פיל ביליגער ווי געוועהנליכער אויסלענדישער סאיאס־אויל א. ג. „קאלאנטאי שפייז־אויל.

יעדע יודישע פרוי דארף פרובירען און זיך איבערצייגען.

אויפרוף

דאס אמאל זאגט לאדז לעבט איבער א שווערע אונגליקליכע צייט, פון דאס יודישע דאנדווערקערטום, פון זייער אר־בייטס־קלאס בכלל זיינען א פערצווייפעלטען קאמף פאר זייער עקזיסטענץ. און אין ווערקשטאט. טויזענדער צוגרעבלעטע און חרוב געווארענע יודישע עקזיסטענצען. אין א עדה שווער איז די לאגע פון דער יודישער אינטעליגענץ. טויזענדער יודי־שע האנדלס־אנגעשטעלטע האבען פער־לוירען דעם בארען אונטער זייערע פיס און די ארמעע פון ארבייטסלאזע פון דעם קלאס וואקסט מורא׳דיג יעדען טאג.

נישט פיל בעסער איז דער גורל פון די טויזענדער בעשעפטיגטע אינטעליגענץ די בעדינונגען, און וועלכע ס׳קומט אויס צו ארבייטען דעם רוב אנגעשטעלטע, זיינען אזעלכע קלעגליכע, אז פון האבען אויף א בעשייטענעם מיטאג איז קיים מעגליך צו טראכטען.

אין אונזער שטאט זיינען פאראן אונגליקליכע ביליגע יודישע פאלקס־קיכען, וואס זיינען צוליב זייער מעמד בשום אופן נישט צוגעפאסט פאר דעם פערבליבענען פריוכה־לאזען יודען, אנגעשטעלטע און האנדווערקער. די יודישע געזעלשאפט ווארט זיך זעהר ווענגי ווענען דעם גורל פון די טויזענדער משפחות פון די דער־מאנטע קאטעגאריעס און ס׳איז בוז היינט אויף דעם געביט גארנישט געטאן געווארען.

צום קומענדען פסח האט די פערוואל־טונג פון „בית־עם“ גענומען אויף זיך די איניציאטיווע צו זארגען פאר די, וואס קלאפען נישט אין אלע טירען פון די פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, מיר שטרעבען די יודישע משפחות, וואס קא־נען זייער אינגעבליקטע נייט עפענט־לוי ארויסזאגען, צו רולף קומען דער־מיט. וואס מיר וועלען צושיקען די בעי־דערפטיגע אלעס, וואס ס׳איז נויטיג אן יודיש הויז אויף יום־טוב.

מצד דער פערוואלטונג פון „בית־עם“ ווערט אלץ געטאן, אז די בדולער וואס וועלען פארנאנדערגעשיקט ווערען, זאלען זיין פון בעדערפטענען ווערט.

ברידער יודען! די צייט איז קורץ. זאלען די, וואס קאנען ברענגען הילף פאר דעם שווער־געטראפענעם יודי־שען צבור, נישט ווארטען. אונטער־שטיצט מיט געלד און פראדוקטען די פסח־אקציע פון „בית־עם“, און דורך מיט, אז טויזענדער יודישע משפחות זאלען יום־טוב זיין בעזארגט מיט׳ן נויטיגסטען!

קיין יוד זאל נישט אפזאגען אונטער־שטיצען די פסח־אקציע פון „בית־עם“, די ספעציעל דעלעגירטע שלוחים פון דעם פסח־אקציע קאמיטעט פון „בית־עם“.

מיט ברודערליכען גרוס:

צ״ע פסח־אקציע קאמיטעט

ביים „בית־עם“

טעלעפאנישע מיטטיילונגען זענען שפענדען ד״ר א. גוביאנסקי, טעלעפאן נומער 133-81, ד״ר שוויג 215-01, תוצרת הארץ נ. ליבטענשטיין 193-42, אונזש. פ. ליגרער 162,09, דער סעקרע־טאריאט געפינט זיך שענקיעוויטשא 5 און איז טעטיג א גאנצען טאג.

רעוואלוציע אין דער קאסמעטיק!

אונגעוועהנליכע רעדוקציע פון אלע פרייזען

אין דער איינציגער קאנצערנ׳י־פערפומעריע פון דער פירמע

י. דרוקער 5 זאוואדזקא 5 טעל. 175-92

וואס בעזיצט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע פאריזער פערפומען, פודערן, טואלעט־זייפען און וי אויך די פיינסטע ערשטקלאסיגע

Perfumerja J. DRUKIER — מיט אכטונג — **ZAWADZKA 5** — **Telefon 175-92**

בעמערקונג: צענגראסיסטען בע־קומען ספעציעלען ראבאט.

זאוואדזקא 19 ...

Skład Blachy Miedzianej i Różnych Metali

WŁADYSŁAW RATNER

Łódź, ul. Sienkiewicza Nr. 29. Telefon Nr. 164-54.

Poleca W. P. P. ze swego składu:

BLACHY (miedziane, mosiężne, alpakowe (neusilbrowe), ołowiane i aluminiowe
i TASMY ((gładkie i deseniowe) normalnych wymiarów wszelkiej grubości.
RURY, PRĘTY, SZYNY i DRUTY miedziane i mosiężne oraz KOLBY miedziane.
CYNĘ w blokach i pratkach.
CYNK, OŁÓW, ANTYMON i ALUMINIUM hutnicze.
METALE BIAŁE i ŁOŻYSKOWE w blokach o gwarantowanym stopie.
WALCE DRUKARSKIE miedziane, **PŁYTY do OPALARKI** (Saengeplatten) miedziane
BLACHY MIEDZIANE wymiarowe i fasonowe oraz wszelkie inne metale dostarczam podług zamówień szybko z walcowni i hut krajowych i zagranicznych.

UWAGA: Jednocześnie komunikuję W.P.P., że kupuję za gotówkę każdą ilość złomu (szmelcu) MIEDZIANEGO.



די בעוואוסטע
פעלד-בעטען "PALMA-PATENT"

וואס זענען אלעמען בעקאנט מיט זייער פראקטישקייט און דויערהאפטיגקייט מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר

ווי אויך לעזשאסעס, פעלד־בעטלעך און פעלד־בענקלעך

מאטראצען, גבעטע, שאטקאווע, קאנאדיסקע, קאזעטקעס, טאפטשאנעס

בעקומט מען נאר אין דער בעקאנטער פאבריק

לאדז, פולנאצנא 24 טעל. 131-85

ה. הורט דעטייל

עברי דורך 3 חדשים

פון א. ב. ביז עברי און דאווענען דורך 3 חדשים ווערט געלערנט מיט קינדער פון 4 יאהר אן. דורך מלמדים ספעציאליסטען אינ׳ם בעוואוסטען רעליגיעזען

גן־ילדים פרעבעל־שול

ביים בית־ספר „תורה ודת“

פלאץ וואלנאשטשי (נייע־שטאט) 6

קינדער פון 4 ביז 8 יאהר ווערען א היים־געפיהרט דורך א ספעצ־יעלען מענש איינשרייבונגען ווערען אנגענומען פון 11־1 פריה

די לייטונג פון בעוואוסטען ארטאדאקסישען לעהר־אנשטאלט

„תורה ודת“ פלאץ וואלנאשטשי 6 (נייע שטאט)

מאכט בעקאנט דאס ס׳ווערען אנגענומען תלמידים פון 5 ביז 13 יאהר די אויפגאבע פון חדר „תורה ודת“ איז איינצופלאנצען דעם יודיש רעליגיעזען גייסט ביי די ערשטע מאמענטען וואס דאס יודישע קינד פאנגט אן צו לערנען אין חדר.

דאס חדר „תורה ודת“ שטרעבט צו ענטוויקלען אין קינדישען מוחל א חשקת התורה און די ערהאבענסטע מידות פון אונזערע אבות. אין חדר „תורה ודת“ ווערט ב״ח אריינגעבראכט תורה און יודיש־קייט ביי אונזערע תניקות של בית רבן.

עלטערן! פערשייבט אייערע קינדער אין חדר „תורה ודת“ ווי ס׳ווערט געלייגט גרויס אכט אויף די ערציהונג פון דרך־ארץ׳דיגע אויפפיהרונג און ס׳ווערט געלערנט דורך מלמדים ספעציאליסטען תורה ודרך ארץ און אלעס, וואס א יודיש קינד דארף צו וויסען. קינדער פון 4 — 8 יאהר ווערען געברענגט און צוריק־געפיהרט דורך א ספעציעלען מענש.

צו ביליגע פרייזען!!!

א גרויסער אויסוואהל פון

קינדער־וועגעלעך

מעטאלענע בעטען

מאטראצען

וויזימאטשקעס

איז צו בעקומען אין די פירמע

WALFISZ

36 NARUTOWICZA 36

TELEFON 215-25.

לאנג־יעהריגער געריכטס־סעקרעטאר

שרייבט און ערלעדיגט אלערליי ביטעס, אנקלאגעס און קלאוזולעס

— ספעציאליסט אין מיליטער־ענינים. —

שנעלער אויסקויף פון פאטענטען און רעגיסטראציע־קארטען אויפ׳ן יאהר 1932

ב. מאז, פעטריקאווער 10

אכטונג פרויען!

די ביליגסטע קוועלע פון איינקויף שעהנע און מאדערנע טיולענע און מארקיזעטענע

גארדינען, קאפען א. א. וו.

(ווי אויך שטארען און קאלירטע פילעטען)

בעקומט מען נאר ביי

י. א. גערשענקראפט, זגערזשער 9, טעל. 200-26

Dr. med. Haltrecht

פאר הויט און געשלעכטס־קראנקהייטען

נעמט אן פון 8—9.30 פריה, פון 12.30—1.30 נ״מ. און פון 5 ביז 9 אוו. זונטאג פון 9 ביז 1 בייטאג

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

פון דער סדרה

ס׳איז ערשינען דאס זיבעטע ספר׳ל „פון דער סדרה“, וועלכעס נעמט ארום די סדרות: ויקרא, זכור, פורים, צו, פרה, שמיני, חודש, תזריע, מצורע, שבת הגדול, פסח. די ערשטע 6 העפטען נעמען ארום אלע סדרות פון ספר דברים, בראשית און שמות. צו בעקומען אין די לאדזער בוכהאנדלונגען און ביים ארויסגעבער פ. ז. גליקסמאן. לאדז, זאוואדזקא 16א.

זעהר ביליג אוועקצוגעבען

2 צימער און קוך

מיט בעקוועמליכקייטען, גאז און עלעקטריע. צו ערפאהרען פיעטריקאווער 31 אין געשעפט ביי וואקסבערג. 1430

צו פערדינגען א שטוב

אויף חודש־געלד פאר 2 פריילינס צו פיהרען א פראצאווניע און צו שלאפען צוזאמען פאר 2 יונגעלייט. צו ערפאהרען לוטאמירסקא 40, וואוינונג 15. 1403

מצות

צו בעקומען פערשידענע מצה־רעדלעך און שטאפ־רעדלעך ביים שלאפער ברעסטיצקי, שוהל־גאס (וואלבארסקא) 10. 1421

געלעגענהייטליך

צו פערקויפען פערשידענע מעבעל ווי אויך א קאסע אין גוטען צושטאנד צו ערפאהרען פילסודסקי 49 וו. 28 1420

אכטונג

מענער־קאנפעקציאנערען

איהר האט א געלעגענהייט צו בעקומען א צו־שניידער א פאכמאן מיט מאדערנעם שניט און לייכט צום אויספערטיגען. אלעי קאשטשיושקי 26 פארטער. וו. 1 פון 4—5 נאכמיטאג

זאפארט איבערצוגעבען

אין צענטרום שטאט איין גרויסען פלאץ נעבען קאנטור ווי אויך שאפען געאייגנעט צו קויהלען ווי אויך אלע אנדערע ארטיקלען. ווענדען זיך טעלעפאניש 385-51 1433

איבעראַשענד נייעס פאַר יעדען סוחר!!

אויב איהר האָט נויטיג צו זענדען אייערע סחורות נאָך וואַרשא, אָדער צו ברענגען סחורות פון וואַרשא, און ווילט שנעל, רעעל און גוט בעהאַנדעלט ווערען? זאָלט איהר זיך נאָר ווענדען צו דעם בעוואוסטען

עקספּעדיציאָנס-הויז

„SPEDHANDPOL"

wł. SALOMON GOLDKORN

ŁÓDŹ, Piotrkowska 26, tel. 116-47 i 110-50 | Warszawa, Nalewki 13, tel. 209-07

דאָ קאָנט איהר שוין זיכער זיין, דאָס אייערע טראַנספּאָרטען וועלען פּינקטליך בעליפערט ווערען. און אַלס דאַנקבאַרקייט אייערע גוטע פריינד רעקאָמענדירען, דאָס נאָר דורך די אויבענגענאַנטע פירמע זאָלען זיי זייערע טראַנספּאָרטען איבערשיקען.

טוך- און קאַרט-געשעפט

I. MILLER, Łódź

Piotrkowska 5, Tel. 134-50

עמפפעהלט צום איצטיגען פריהלינג- און זומער-סעזאָן אַ גרויסען אויסוואַהל פון די

נייעסטע

דאַמען- און הערען-שטאָפען

פון דער פאַבריק Leonard, Woelker i Girbardt צו פאַבריקס-פרייזען.

אכטונג! די בעסטע איינקויפס-קוועלע פאַר די ה"ה פאַהרערס פון פויזען און פאַמערן!!!

אויף לאַגער געפינט זיך אַ רייכער אויסוואַהל פון די בעסטע לאַנאַרד-שטאָפען

ווי: קאַמגאַרן און שטרייכגאַרן צו פאַבריקס-פרייזען.

ווי אויך קופּאָנען פאַרטיע-שטאָפען (אונטערפּרייזיגע).

נייעסטע

קוכען-מעבעל

קאָרידאָר און פאַר קינדער צימערן

עמפפעהלט צו נידריגע פרייזען

די בעוואוסטע פירמע

Sz. Dzięciarski

16 Piotrkowska 16 אין הויף

אַלע דאַרפען וויסען

אַז די פירמע

פערדער, זגערזשער 7

לוטאָמיערסקאַ 2 און זגערזשער 20

אין די איינציגע קוועלע וואו מען קריגט אַמביליגסטען צו קויפען

דאַמען- און מענער-היטען

פון די נייעסטע פאַסאָנען און מאָדערנסטע קאָלירען. וואָס איז ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרען אויף דעם קומענדיגען יום-טוב און גלייכצייטיג ווערט אָנגענומען צו איבערפאַסאָנירען מענער- און דאַמען-היטען פון גאָר אַלט אויף גאַנצליך ניי און אַלעס צו ביליגע פרייזען און רעעלע בעהאַנדלונג. געדענקט די אַדרעסן.

מעבעל

אין גרויסען אויסוואַהל גאַנצע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע מעבעל צו צוגענגליכע פרייזען

M. FLAKOWICZ

פּיעטריקאָווער 145 אין הויף

2 פּאַרצעלען

אין פּאַדעמביע

טראַמוויי-סטאַציע טושין-וואַלד, אויף גינסטיגע בעדינגונגען זאָפאָרט צו פערקויפען.

צו ערפאַהרען: טעלעפאָן 210-10.

מעלדונג.

דאַמיט זענען מיר מודיע, אַז דאָס פּפלאַנצען-פעטס

„קאָללאָנטאָל - עדת"

וועלכעס ווערט אויסגעאַרבייט אין דער קאַטאָוויצער שפּייזעפעט און אייל ראַפינעריע „קאָללאָנטאַי" און איז פערזעהען מיט אונזער שוץ-מאַרקע, איז פון אָנהויב קוועטשען די קאָקוסניס ביז'ן פערפּאַקען, אונטער אונזער שטרענגער השגחה און אַלס אַזעלכע גאַראַנטירט 100% פאַר כשר.

„קאָללאָנטאָל-עדת" קאָן בענוצט ווערען צו פליישיגס אָדער מילכיגס, אפילו למהדרין מן המהדרין בלי שום חשש ופקפוק.

אויך ווערט דורך די זעלבע פאַבריק אויסגעאַרבייט פיינער עס-אייל

א. נ. „קאָללאָנטאַי'א שפּייזע - אייל"

אונטער אונזער שטרענגער השגחה און פערזעהען מיט אונזער שוץ-מאַרקע.

ביים קויפען קאָקוס-פעטס „קאָללאָנטאָל" אָדער אייל „קאָללאָנטאַי'א" דאַרף מען אכטונג געבען, אַז אויף יעדען אַרט פּאַקונג זאָל זיך געפינען די שוץ - מאַרקע פון „עדת - ישראל", אָהן דער שוץ-מאַרקע דאַרף עס קיינער נישט קויפען אַלס כשר.

ביטע אין אַלע געשעפטען צו פערלאַנגען קאָקוס - פעטס „קאָללאָנטאָל-עדת" און שפּייזע-אייל „קאָללאָנטאַי'א.

עדת ישראל

בפולין.

„קאָללאָנטאָל-עדת" שטאַמט פון דער בעריהמטער „קאָללאָנטאַי" פאַבריק, וועמענס פאַבריקאַטען זענען מיט זייער בעזונדערען קוואַליטעט, בעקאַנט.

פּרעמיע-קופּאָן

פאַר 25 קאָללאָנטאָל-קופּאָנען בעקומט מען 1 פּעקעל „קאָללאָנטאָל-עדת" גראַטיס

קלאַנג-קינא-טעאַטער

RAKIETA

Sienkiewicza 40

היינט און ווייטערע טעג

ער Wlasta Burian

און זיין שוועסטער Anna Ondra

אין אַ וואונדערבאַר-פרעהליכער קאָמעדיע

אויסערן פּראָגראַם שפּריך-גראָטעסקע און קלאַנג - וואָכען - זשורנאַל פון פּאַראַמאַונט

אָנהויב פון סעאַנסען אין וואָכען-טעג 4 נאָכמיטאָג שבת, זונטאָג און הגאות 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג

קלאַנג - קינאָ

ZACHĘTA

זגיערזשער-גאַס 26.

היינט און ווייטערדיגע טעג!

גרויסער קלאַנג-פילם – א. נ.

מאַראָקאָ

אין די הויפּט-ראָלען:

GARY COOPER

Marlena DIETRICH

אויסער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבע.

אָנהויב פון די פאָרשטעלונגען: טעגליך פון 4 נ.מ. שבת, זונטאָג און הגאות 12 אַ זייגער מיטאָג. דער זאַל איז גוט בעהייצט.

NOWY ŚRODEK LECZNICZY!

Zostały wynalezione przezemnie St. Śliwańskiego w 1902 roku

powidła ziołowe

przeciwko astmie, gruźlicy i suchotom.

jako jedyny środek leczniczy zapobiegający przeciwko wyżej wymienionych chorobom.

O dobroci ich i skuteczności świadczą 3000 listy, nadsyłane przez uleczonych, które przejrzeć można w każdej chwili.

Wytwórnia powideł ziołowych
Łódź, Brzezińska 33.

Stanisław Śliwański.

וויכטיג פאַר שניידער-מייסטער

קאָנפעקציאָנערען און גאַלאַנטעריע-סוחרים!

ביליגסטע קוועלע

פון שניידער-צודאַטען און גאַלאַנטעריע

קאָנקורענץ-פּרייזען!!!

וויקטאָריאַ, בעק
ערמעל-סאַטין
קלאָט און קאַרמען
קראַגע און זשאַגנעט
פערשידענע ליינוואַנט
וואָלאַשאַנקע און מושלין
אַטלאַס און ראַדאַמעצ
קאַמגאַרן-סאַטין, וואַטאַלין

C.B. און D.M.C. זאַטשאַסקעס
גומי-בענדער, ריפס און טאַפט-באַנד
פערשידענע קעהס, שטאָפּ-ביינוועל
ניי- און מאַשין-נאָדלען, אַלערהאַנד גאַרן
גאַלאָנען, ספּינקעס, אַגראַפקעס
פערלמוטער-קנעפּ, זיידענע טאַשמאַ
מאַשין- און האַנד-זייד, פּאָדפּינקעס
שנורוואָדלעס א. אז. וו.

„BAZAR KRAWIECKI"

איינענטימער: מאַראַקאַ און קיניג

לאָדז, נאַחאָמיעסקאַ 8, פראָנט-געוועלב

פאַר שניידער און סוחרים – ספּעציעלער ראַבאַט!

נור № 6 · נור № 6

מעבעל

פון דער פיינסטער אויספיהרונג לויט'ן נייעסטען סטיל צו ערמעסיגטע פּרייזען עמפעהלט די פירמע

Markowicz i Nasielski

Piotrkowska 6, tel. 149-71

בעמ.: די וועניגער מאָדערן מעבעל-פערקויף איז מיט 75% ביליגער.

נור № 6 · נור № 6

דשיראַנדאָלען

עלעקטרישע אין די מאָדערנסטע פאַסאָנען לויט'ן אויסלענדישען סטיל אין אַ גרויסען אויסוואַהל

עמפפעהלט

די לאַמפּען-פאַבריק

B-cia LAJB

Łódź, Zgierska 9, tel. 164-95

מיר עמפפעלען אַ גרויסען אויסוואַהל פון זעמטליכע ראַדיאָ-אַפּאַראַטען פון דער בעריהמטער וועלט-מאַרקע

Mende-Radjo

DRESDEN

ווי זעמטליכע ראַדיאָ-טיילען.

אַמביליגסטען און רעעלסטען קויפט מען



מעטאַל-בעטען, מאַטראַצען אַלערהאַנד
קינדער-וועגעלעך,
אין אַ גרויסען אויסוואַהל וויזשימאַטשקעס, אייז-קאַסטענס, פעלד-בעטן פּאַטענט Perfekt ע. ד. גל. ביי דער עלטסטער פירמע

עקזיסטירט פון 1896

J. B. WOŁKOWYSKI

פאַבריקס-לאַגער:

ŁODZ, NARUTOWICZA 11, TEL. 137-70.

בעמערקונג: קינדער-בעטלעך פון 35 זל. אָן

קויפט נור פון די 1-טע קוועלע

גרויסער אויסוואַהל

שפּאַציר-וואָגענס אייזען - ניקעל בעטען | מאַטראַצען ספּרענזינזשע „Patent" וויזשימאַטשקעס אַמעריקאַנער

צו בעקומען אין פאַבריקס-לאַגער

„DOBROPOL" Łódź, Piotrkowska 73 אין הויף

אויגען - קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

Dr. B. Donchin

פעטריקאָווער 90 טעל. 221-72

נעמט אָן שטענדיגע אויגען - קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א.אז.וו.) ווי אויך אַמבולאַטאָרישעס פון 9—1 און פון 4—7.30 אָוונט.

שילדען אַלער אַרט

שעהן, שנעל און שפּאָט ביליג פערטיגט אויס שילדערמאַלעריי

„ליטעראַ" שוו. יאַקובאַ 5

צופאָהר מיט'ן טראַמוואַי 14 ביז פראַנצישקאַנער 17. אויף פערלאַנג קומט צו אייך אַ מענש און נעמט אָן די אַרבייט אויפ'ן צרט ביי אייך. פאַרהאַן אויך פאַרטיגע צו קויפען רעקלאַמע-פּלאַקאַטען אויף בריסטאָל-טאָוועל מיט פערשידענע אָריגינעלע טעקסטען און אויפשריפטען פאַר יעדער בראַנזשע.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

זאַוואַדזקאַ 1

גאָר פאַר פרישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכקייט. אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער, קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערוועז-קראַנקהייטען.

קוואַרץ-לאַמפּ-עלעקטרישער היילקאַבינעט - קאָסמעטיק.

טעגליך פון 8 פריה ביז 9 אָוונט

זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמ.

בעזונדערער וואַרטע-צימער פאַר פרויען.

וויזיט 3 זלאָטעס

אַבאָנעמענטס-פּרייז: פאַר 1 חודש אין לאָדזש 3 זלאָטיס, אין פראָווינץ און בעלביען—20 פראַנק, אין אַנדערע לענדער ... אין פראַנקרייך ... אַנאָנסען-פּרייז: פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100% טייערער. אויסער דער טאָג מיט 50 טייערער. פון די פּרייזען ווערט נישט אָפּגעגעבען קיין ראַבאַט. פאַר אַ מיליטער-שורה פאַר'ן טעקסט 16 גר. פרייטאָג 24 גר., אין טעקסט 40 גר. פרייטאָג 60 גר. נאָכן טעקסט 12 גר. פרייטאָג 18 גר.

Drukarnia Et i M. Hamburskich, Łódź, Piotrkowska 16. Dzierżawca: M. B. Wein. Odpowiedzialny Red.-wydawca: L. Stolar